STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03874

V.G. KOROLENKO

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

יוגנט-ביבליאָטעק „חבר"

ו. ג. קאָראָלענקאָ

וולאַדימיר קאָראָלענקאָ — מ. שור.
אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט — וו. קאָראָלענקאָ.
פייערלעך ״

פאַרלאַג
„די נייע יידישע פאלקסשול"
ווילנע
1924

דרוק ש. עטשטיין שטראַשון גאַס 6.

W. G. Korolenko.

געשטאָרבן קאָראָלענקאָ!...

אַוועק פון לעבן איינע פון די שענסטע נשמות, וואָס די מענטשהייט פאַרמאָגט.

עס האָט אויפגעהערט צו קלאַפּן דאָס האַרץ, וואָס איז געווען געוועבט פון ליבע צו אַלע אונטערדריקטע און פאַרוואָרלאָזטע.

עס איז פאַראַליזירט געוואָרן אויף אייביק די האַנט, וואָס האָט אונז געמאָלט וואונדערבאַר־שיינע בילדער פון דער נאַטור, פּאָעטישע געשטאַלטן.

עס איז אַנטשוויגן געוואָרן די שטים, וועלכע האָט זיך תמיד געלאָזט הערן אין אַ עת־צרה, וועמעס קלאַנגען עס פלעגן צוגעבן מוט צו לעבן אויף דער וועלט...

ניטאָ קאָראָלענקאָ!..

שוין קיינמאָל וועלן מיר ניט הערן זיין וואַרים אויפריכטיק וואָרט; מער וועט ער שוין ניט שאַפן פאַר אונז זיינע קרישטאָל־ריינע, ווי ער אַליין, מעשה־לעך און דערציילונגען.

קאָראָלענקאָן באַוויינט ניט נאָר דאָס רוסישע פאָלק — די גאַנצע פרייע, אַרבעטנדיקע מענטשהייט טרויערט איבער זיין טויט.

קאָראָלענקאָס פאַרשווינדן פון דער וועלט דאַרף זיין באַזונדערס פיינלעך פאַר קינדער, פאַר דער יוגנט.

קיינער פון די היינטיקע שרייבער איז ניט געשטאַנען אַזוי נאָענט צום קינדס נשמה, ווי קאָראָלענקאָ. קיינעם האָבן די קינדערשע נשמות ניט דערציילט מיט אַזאַ צוטרוי זייערע פאַרבאָרגענע סודות. עס איז אויך ניטאָ צווישן די איצטיקע שרייבער קיינער, אין וועמענס ברוסט עס זאָל זיין אַזויפיל ריינקייט און צאַרטקייט, אַז ער זאָל קאָנען מיט אַזעלכע מילדע פאַרבן, אַזוי צאַרט אָנמאָלן דעם קינדס נשמה, ווי דאָס טוט קאָראָלענקאָ.

זיינע קינסטלערישע דערציילונגען, זיינע פּאָעטישע דערציילונגען האָבן געצוואונגען טויזנטער, צענדליקער טויזנטער יונגע לעזער צו פאַרטראַכטן זיך אויף די דערשיינונגען פונם אַרומיקן לעבן, אויסצואַרבעטן זיך אַ קוק אויפן לעבן. קאָראָלענקאָ האָט מיט זיינע ווערק אָנגעצונדן אין דער יוגנט אַ פייער פון ליבע צו מענטשן, ער האָט אויך אַריינגעוואָרפן דעם ערשטן פונק פון פיינדשאַפט צו בייז און אומגערעכטיקייט.

קאָראָלענקאָס זכרון וועט אונז בלייבן אויף אַלע מאָל הייליק!...

וו. קאָראָלענקאָ איז געבאָרן געוואָרן אין 1853 יאָר אין זשיטאָמיר. זיין פאָטער איז געווען אַ ריכטער — אַ רוס; די מוטער — אַ פּוילישע. די ערשטע יאָרן האָט מען גערעדט ביי זיי אין שטוב כּמעט אויסשליסלעך פּויליש.

אין יענער צייט איז נאָך אין רוסלאַנד געווען לייבאייגנטום. דער פּריץ האָט געהאַט די פולע מאַכט איבערן לעבן און טויט פונם פּויער. ער האָט געקאָנט טאָן מיטן פּויער, וואָס ער האָט געוואָלט, אַפילו פאַרקויפן אים צו אַן אַנדער פּריץ, אַזוי ווי מען פאַרקויפט אַ בהמה... אין די קינדערשע יאָרן איז אויסגעקומען קאָראָלענקאָן צו זיין אַן אָפטער עדות פון די שרעקלעכע ענויים, וואָס די פּריצים פלעגן אָפּטאָן מיט זייערע קנעכט. דאָס אַלץ האָט געלאָזן טיפע שפּורן אויפן קינדס נשמה. ער האָט זיך אָנגעהויבן צו פאַרטראַכטן וועגן אמת און יושר צווישן מענטשן... מיט זיין גאַנצן וועזן איז ער געווען אויף דער זייט פון די פּויערים. שוין דאַן האָט ער מיט מעשים באַוויזן זיין ליבע צו די אונטערדריקטע: צוזאַמען מיט זיינע ברידער האָט ער געפירט אַ לאַנגע מלחמה מיטן פּאַן אוליאַניצקי, וועלכער האָט געמאַטערט די „געקויפטע" יינגלעך.

אַ גרויסע ווירקונג האָט געהאַט אויף קאָראָלענקאָס אַנטוויקלונג דער פּוילישער אויפשטאַנד פון 1863 יאָר. די פּאָליאַקן האָבן דאַן געפירט אַ האַרטנעקיקן קאַמף פאַר באַפרייען זייער לאַנד. אויב ביז יענער צייט האָט דער קליינער קאָראָלענקאָ ניט געפילט קיין חילוק צווישן טאַטע=מאַמען, האָט ער דאָס איצט דערשפּירט. איינמאָל איז געקומען דער פאָטער, וועלכער איז געווען אַ רוסישער באַאַמטער, און געמאָלדן די קינדער, אַז זיי זיינען רוסישע, און אַז פון היינט אָן מוזן זיי ריידן נאָר רוסיש. קאָראָלענקאָן איז אויך אויסגעקומען ביייצוזיין ביי אַ שאַרפן קריג צווישן פאָטער און מוטער וועגן אויפשטאַנד.

דעם קריג גופא האָט ער ניט פאַרשטאַנען, נאָר קיינמאָל האָט ער ניט פאַר־געסן דער מוטערס טרערן. ער האָט געפילט, אַז זי וויינט ניט, ווייל מען האָט זי באַליידיקט, נאָר אַז זי וויינט איבער איר אומגליקלעכן פאָטערלאַנד, וואָס די קרובים פון איר מאַן, די רוסן, האָבן צוגענומען און מיט בלוט פאַרגאָסן.

מיט דער מוטער פלעגט קאָראָלענקאָ אָפט גיין אין קאַטוילישן קלויסטער, הגם ער איז געווען, ווי דער פאָטער, אַ פראַוואָסלאַוונער. אין יענער צייט איז ער איינמאָל געקומען מיט דער מוטער דאַוונען. דער קלויסטער איז געווען איבערפולט מיט קאַטוילי־קן — פאָליאַקן. אַלע האָבן הייס געדאַוונט און שטאַרק דערביי געוויינט. מיטאַמאָל האָט קאָראָלענקאָ דערהערט דעם וואָרט „קאָזאַקן", און אין זיין פאַנטאַזיע האָט זיך אין יענעם מאָמענט אויסגעמאָלט אַ בילד, ווי די קאָזאַקן רייסן זיך אַריין אין קלויסטער און ווילן שיסן אין די צונויפ־געזאַמלטע פאָליאַקן. דאַן גייט ער אַרויס פאָראויס, שפּיליעט אָפּ זיין מאַרינאַרקע און שרייט אויס: „שיסט אין מיר! איך בין אַ פראַוואָסלאַוונער, אָבער איך וויל ניט, אַז איר זאָלט באַליידיקן דעם גלויבן פון מיין מוטער". די פאַנטאַזיע אַרבעט ווייטער. די קאָזאַקן שיסן, טויטן אים, נאָר אים גליקט אַזוי אָפּ, אַז נאָכדעם דריקן אים די פאָליאַקן די האַנט און זאָגן: „דאָס איז דעם ריכטערס זון, זיין מאַמע איז אַ פוילישע. אַ וואוילער יונגערמאַן!"...

אין אַזעלכע פאַלן איז ער אינגאַנצן אויף דער זייט פון די פאָליאַקן, אָבער ניט דערפאַר, ווייל ער האַלט זיך פאַר אַ פאָליאַק, נאָר דערפאַר, ווייל די פאָליאַקן זיינען די באַליידיקטע און אונטערדריקטע... ווען אָבער עס חלומט זיך אים, אַז אַן אָפּטיילונג רוסישע סאָלדאַטן פירט אַ קאַמף מיט די פאָליאַקן, די פאָליאַקן זיינען מנצח, און די רוסן געפינען זיך אין אַ סכנה — אַלע אויס־געהרגעט צו ווערן — באַקומט קאָראָלענקאָ אַזאַ מיטלייד צו די רוסן, אַז ער כאַפּט זיך אויף מיט אַ שרעקלעכן געשריי, אינגאַנצן באַדעקט מיט אַ קאַלטן שווייס. קלאָר איז, אַז אים איז נאָענט ניט דאָס אָדער יענץ פאָלק, נאָר ער איז תמיד מיט די אומגליקלעכערע, מיט די שוואַכערע. וואָלין, וואו עס האָט פאַרבראַכט זיין יוגנט קאָראָלענקאָ, איז באַוואוינט דורך אוקראַינער, יידן, פאָ־ליאַקן, רוסן. קאָראָלענקאָ האָט געהאַט חברים צווישן אַלעמען. אין שטוב ביי קאָראָלענקען איז ניט געווען קיין האַס צו קיין פאָלק, — און וולאַדימיר קאָ־ראָלענקאָ האָט ליב געהאַט אַלעמען. שוין דאַן האָט זיך אָנגעהויבן צו אַנטוויק־לען ביי אים די ליבע צום מענטשן, אַלץ איינס, צו וועלכן פאָלק ער געהערט.

געלערנט האָט זיך קאָראָלענקאָ פריער אין זשיטאָמיר, דערנאָך אין ראָוונער גימנאַזיע. די שולן זיינען אין יענער צייט געווען אַזעלכע, אַז דאָס קינד האָט זיך געפילט דאָרטן איינזאַם, שרעקלעך שלעכט. די לערער זיינען דאָס רוב געווען מענטשן, וואָס האָבן ניט ליב געהאַט קיין קינדער. זיי פלעגן אָפט באַליידיקן די שילער, מען פלעגט ניט לאָזן די שילער באַווייזן קיין פרייע מינע. די קינדער האָבן געציטערט פאַר די לערער און שטאַרק זיי פיינט געהאַט. דאַן פלעגט מען אַפילו שמייסן אין די שולן...

אין אַזאַ שול איז קאָראָלענקאָן אויסגעקומען זיך צו לערנען. מען קאָן

זיך פאָרשטעלן, ווי אַזאַ שול האָט געווירקט אויף זיין צאַרטער נשמה. דאָס איינציקע גליק איז געווען, וואָס די שילער האָבן געלעבט צווישן זיך זייער גוט. דאָס געפיל פון חברשאַפט איז אין זיי געווען זייער שטאַרק, איינער האָט דעם צווייטן פאַרטיידיקט; צוזאַמען האָט מען געפירט אַ קאַמף מיט „גאַטשאַלסטוואָ״.

אין 1870 יאָר ענדיקט קאָראָלענקאָ גימנאַזיע. צו יענער צייט האָט שוין זיין פאָטער ניט געלעבט. קאָראָלענקאָ פאָרט אַוועק קיין פעטערבורג, קומט אָן אין טעכנאָלאָגישן אינסטיטוט. ער ליידט דאָרט נויט. אינגיכן פאָרט ער אַריבער קיין מאָסקווע, קומט אָן אין אַן אַנדער הויכשול. דאָרטן פאַרבלייבט ער אָבער ניט לאַנג. די סטודענטן זיינען ניט צופרידן מיט דער אָרדענונג אין הויכשול, זיי באַשליסן צו דערלאַנגען אַ געמיינזאַמע ביטע וועגן אייניקע אויסבעסערונגען אין לעבן פון דער אַקאַדעמיע*). די ביטע דערלאַנגט אין אַלעמענס נאָמען וולאַדימיר קאָראָלענקאָ. דאַן איז געווען אַזאַ פינסטערע צייט, אַז מען האָט אַפילו אַזאַ אומשולדיקן טאַט פאַררעכנט פאַר אַ גרויסן פאַרברעך, און מען האָט קאָראָלענקאָן אויסגעשלאָסן פון דער הויכשול. אַן אויסגעשלאָסענעם סטודענט האָט מען שוין אין קיין אַנדער הויכשול ניט אָנגענומען. קאָראָלענקאָ פאָרט אַוועק קיין פעטערבורג און פאַרנעמט זיך מיט קאָרעקטור-אַרבעט**).

די 70-טע יאָרן פון פאָריקן יאָרהונדערט אין רוסלאַנד זיינען געווען די צייט, ווען די שטודירנדיקע יוגנט, די אינטעליגענץ, הייבט אָן צו פילן, אַז זי מוז קומען צו הילף די אונטערדריקטע מאַסן, די פויערים און די אַרבעטער. די יונגע בחורים און מיידלעך עגבערט דער געדאַנק, אַז אין דער צייט, ווען זיי באַקומען אַ צוטריט צום פראַכטפולן טעמפּל פון דער וויסנשאַפט, — פאַרבלייבן צענדליקער מיליאָנען פויערים פינסטערע, קאָנען אַפילו ניט לייענען און שרייבן, און ווייל זיי זיינען פינסטער, אומבאַוואוסטזיניק, — זעצט זיך אויף זיי רייטנדיק יעדער פריץ, יעדער באַאַמטער. אין אַזאַ וועלט פון אומגערעכטיקייט טאָר מען ניט טראַכטן וועגן זיך. און די יונגע סטודענטן וואַרפן זייער לערנען, גייען אַוועק אין די וואַרשטאַטן, קומען אָן פאַר אַרבעטער, כדי זיך צו שטעלן נעענטער צו די איבעריקע אַרבעטער (ווייל צו אַ געלערנטן האָבן דאַן די אַרבעטער קיין צוטרוי ניט געהאַט), אויפקלערן די אַרבעטער זייער טרויעריקע לאַגע, מאַכן זיי פאַר באַוואוסטזיניקע מענטשן. דער גרעסטער טייל סטודענטן גייט אַוועק אין דאָרף. דאָרטן, אין דער פויערשער כאַטקע, אין דיזעלבע באַדינגונגען, ווי די איבעריקע פויערים, לעבן די סטודענטן. זיי טוען דיזעלביקע שווערע אַרבעט, וואָס איז פאַר זיי נאָך שווערער, ווייל זיי זיינען ניט געוויינט צו דעם. זומער און ווינטער פאַרברענגען זיי מיט די פויערים, ריידן מיט זיי, לערנען מיט זייערע קינדער, היילן זייערע קראַנקע. זיי זיינען באַגייסטערט מיט דעם געדאַנק, אַז ווען דידאָזיקע פויערים, אַר-

*) הויכשול, אוניווערסיטעט.

**) אַ קאָרעקטאָר רופט זיך אָן דער, וואָס פאַרריכט אָדער קאָרעגירט, די טעותן, וואָס עס מאַכט אַ זעצער אין דרוק ביים זעצן אַ צייטונג, אַ בוך.

בעטער וועלן ווערן באַוואוסטזיניק, וועלן קאָנען זיך פונאַדערקלייבן אין דעם, וואָס עס קומט אַרום זיי פאָר, — וועט מוזן פאַלן די וועלט פון אונטערדריקונג, און עס וועט אויפגעבויט ווערן אַן אַנדער וועלט, וואו אַלעמען וועט זיך לעבן גוט, וואו עס וועט ניט זיין קיין אָרים און רייך, קיין פריץ און קנעכט!... די שווערע אַרבעט קומט אויס צו טאָן די סטודענטן זייער פאָרזיכטיק, די פאָליציי זאָל ניט מערקן. וואָרים אַפילו לערנען פויערשע קינדער איז דאַן געווען אַ גרויסער חטא!... אַזוי איז דאַן די בעסטע רוסישע יוגנט געגאַנגען „אין פאָלק", זיך געשטעלט נאָענט צו די שוואַכע, געוואָלט מיט איר הייסער ליבע אויסבעסערן די טרויעריקע לאַגע פון די פאַריאָגטע און פאַרצאָגטע... ניט איינער איז צוליב דעם אַריינגעפאַלן אין תפיסה, ניט איינעם האָט דאַן די מאַכט פאַרשיקט אין די ווייטע סיבירער טונדרעס, ניט איינער האָט מיט זיין לעבן באַצאָלט פאַר זיין ליבע צו די פאָלקס-מאַסן!...

קאָראָלענקאָ איז אויך געווען איינער פון די, וואָס האָבן פון זייערע יונגע יאָרן אָן אָפגעגעבן זייער גאַנצן כוח, זייער גאַנצע ענערגיע פאַרן באַפרייען די אונטערדריקטע. איינגיכן אַרעסטירט מען אים, און מען פאַרשיקט אים אין מזרח פון אייראָפעאישן רוסלאַנד, אין וויאַטקער גובערניע. שפעטער פאַרשיקט מען אים נאָך ווייטער, שוין אין סיביר, אין טאָמסק. דאָרטן פאַרברענגט ער ניט לאַנג. מע באַפרייט אים אין 1881 יאָר; אין יענעם יאָר ווערט דער קיסר, אַלעקסאַנדער דער צווייטער, דערהרגעט און זיין טראָן פאַרנעמט זיין זון, דער גרויזאַמער אַלעקסאַנדער דער דריטער. דער נייער קיסר וויל זיך נוקם זיין פאַר זיין פאָטערס טויט, און ער באַגיסט מיט אומשולדיק בלוט גאַנץ רוסלאַנד. די ערשטע גרויסע יידישע פאָגראָמען זיינען אויך דאַן פאָרגעקומען... ביים אַרויפשטייגן פון אַ נייעם קיסר אויפן טראָן האָבן אַלע געמוזט אים שווערן טרייהייט. קאָראָלענקאָ זאָגט זיך אָפ צו שווערן. דאַן פאַרשיקט מען אים קיין יאַקוטסקער גובערניע, 300 וויאָרסט פון דער שטאָט יאַקוטסק, אין אַן אָרט, וואו דער ווינטער געדויערט איבער 9 חדשים, וואו אַ האַלב יאָר פאַרגייט ניט די זון, און אַ האַלב יאָר איז אַ פינסטערע נאַכט... ווייט פון מענטשן, אָפגעריסן פון דער גאַנצער וועלט, פאַרברענגט קאָראָלענקאָ דאָרטן 4 יאָר. אָבער די צייט איז פאַר אים אַוועק ניט אומזיסט. אין דער איינזאַמקייט, אונטער דער ווירקונג פון דער איינאַרטיקער אָבער מעכטיקער סיבירער נאַטור וואַקסט זיין טאַלאַנט און ווערט שטאַרק. ער שרייבט דאָרטן אויף זיינע וואונדערבאַרע סיבירער דערציילונגען.

נאָך לאַנגע מאַטערנישן גיט זיך אים איין צוריקצוקערן אין אייראָפעאישן רוסלאַנד. ער באַזעצט זיך אין ניזשני-נאָווגאָראָד, אויף דער וואָלגע. דאָ שאַפט ער נייע ווערק. אָבער ער באַגרעניצט זיך ניט דערמיט. ער נעמט אַ גרויסן אָנטייל אין געזעלשאַפטלעכן לעבן. אַרום אים קלייבן זיך צונויף די בעסטע מענטשן פון שטאָט.

דאַן קומט אָן דער 1891 יאָר. אין רוסלאַנד ברעכט אויס אַ שרעקלעכער הונגער, מיט וועלכן עס קאָן זיך נאָר פאַרגלייכן דער רוסלענדער הונגער

היינטיקס יאָר. די פעלדער און לאָנקעס זיינען אויסגעבערענט געוואָרן פון זון. די מענטשן האָבן אויפגעגעסן אַלץ, מען האָט געגעסן גראָז, קאָרע, געפגרטע בהמות, קעץ... מחמת דעם הונגער האָבן זיך אָנגעהויבן צו פאַרשפרייטן פאַרשיידענע קראַנקהייטן. הונדערטער טויזנטער, מיליאָנען מענטשן זיינען אויסגעשטאָרבן. אומגליקלעכע מוטערס האָבן ניט געקאָנט צוזען די עינויים פון זייערע הונגעריקע קינדער, און זיי פלעגן מיט זייערע אייגענע הענט פאַ גיכערן זייער טויט... מען האָט געמוזט אָנעמען העראָאישע מיטלען, כדי צו ראַטעווען רוסלאַנד. און קאָראָלענקאָ גיט זיך אינגאַנצן איבער דער הייליקער אַרבעט. ער אָרגאַניזירט דערנערונגס־פונקטן, שפיטאָלן, ער פאָרט אַרום איבער די הונגעריקע דערפער, ער לאָזט ניט רוען אויף איין מינוט די זאַטע — זיי זאָלן ניט פאַרגעסן וועגן די הונגעריקע. ער וועקט אויך אייראָפּע, זי זאָל קומען צו הילף רוסלאַנד. קיינער האָט זיך ניט געקאָנט פאַרגלייכן מיט אים אין ענערגיע ביים העלפן די הונגעריקע...

אין אַ פּאָר יאָר אַרום נאָכן הונגער פאָרט קאָראָלענקאָ קיין ענגלאַנד, קיין אַמעריקע. נאָר דאָרטן פאַרבלייבט ער ניט לאַנג. עס ציט אים צוריק קיין רוסלאַנד. ער קערט זיך אום און שטעלט זיך נאָענט צום זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“. אין דעם זשורנאַל האָבן געשריבן די בעסטע מענטשן פון רוסלאַנד, די, וועלכע האָבן זיך געשטעלט פאַר אַ ציל אין לעבן — זיין תמיד צוזאַמען מיט די פאַרשקלאַפטע, אונטערדריקטע, לעבן מיט זייערע ליידן און פריידן, פירן צוזאַמען מיט זיי אַ קאַמף פאַר אַ ליכטיקער, בעסערער צוקונפט. דער זשורנאַל האָט געהאַט אַ גרויסע השפעה: אונטער דער ווירקונג פון דעם זשורנאַל האָבן זיך טויזנטער מענטשן אָפּגעגעבן דעם קאַמף פון דער מענטשהייט. וו. קאָראָלענקאָ ווערט אינגיכן דער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל און פאַרבלייבט ביי דער אַרבעט כמעט 20 יאָר, ביז דער זשורנאַל ווערט געשלאָסן.

דעמאָלט באַזעצט זיך קאָראָלענקאָ אין פּאָלטאַווע. דאָרטן וואוינט ער ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן. קאָראָלענקאָ שרייבט ביכער, נעמט אַן אָנטייל אין צייטונגען, איז דער באַליבטסטער מענטש אין שטאָט; אים קאָנען סיי גרויס סיי קליין. עס קומט אָן די רעוואָלוציע פון 1905 יאָר. קאָראָלענקאָ איז שוין דאָ ניט קיין יונגער מענטש, דאָך נעמט ער דעם טיכטיקסטן אָנטייל אינם געזעלשאַפטלעכן לעבן. אָבער ניט לאַנג געדויערן דאַן די פרייע טעג. די צאַרישע רעגירונג, וואָס איז געווען געצוואונגען אויף אַ קורצער צייט אָפּצושוואַכן איר דרוק אויף דער באַפעלקערונג, פאַרשטאַרקט זיך צוריק. עס הייבט זיך אָן אַ שרעקלעכע צייט. מיט אַ שאַרפן שווערד טראָגן זיך די פינסטערע כוחות איבערן גאַנצן לאַנד, חרוב מאַכנדיק אַלץ, וואָס עס באַווייזט סימנים פון פּראָטעסט, פון אומצופרידנהייט. מען לאָזט אויך קאָראָלענקאָן ניט צורו. אָפּט מאַכט מען ביי אים רעוויזיעס. אָבער פאַרשפאַרן אים אין תפיסה פעלט אַפילו ביי די צאַרישע שלוחים די העזה. צו באַליבט איז קאָראָלענקאָ אין רוסלאַנד, צו באַוואוסט איז ער אויך אויף דער גאַנצער וועלט. עס ציען זיך לאַנגע פינסטערע יאָרן אין רוסלאַנד. אַ סך פאַרלירן די האָפענונג, אַז עס וועט קומען

אַ סוף צו דער שווערער צייט... קאָראָלענקאָ בלייבט אָבער שטאַרק און מוטיק.

און ער דערוואַרט זיך טאַקע. עס קומט אָן מערץ. מערץ 1917 יאָר, עס פאַלט ענדלעך די צאַרישע אָרדענונג. דער חלום פון צענדליקער דורות ווערט פאַרווירקלעכט. ניט אומזיסט האָבן טויזנטער, צענדליקער טויזנטער מקריב געווען זייער לעבן... קאָראָלענקאָ, דער 64-יעריקער גרייז, לעבט אָפּ. ער וואַרפט זיך אַריין מיט זיין גאַנצער ענערגיע אין דער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט. יונגע קענען זיך מיט אים ניט פאַרגלייכן אין לעבנסלוסטיקייט און איבערגעבנקייט די פאָלקס-מאַסן!..

אָבער עס גייען דורך די לייכטע, די ליכטיקע חדשים פון דער מערץ-רעוואָלוציע. די באָלשעוויקעס פאַרכאַפּן די מאַכט. קאָראָלענקאָ אָנערקענט ניט די נייע רעוואָלוציע. דער זשורנאַל „רוסקאָיע באָגאַטסטוואָ“ ווערט געשלאָסן. דאָס איז פאַר קאָראָלענקאָן אַ שרעקלעכער קלאַפּ. 20 יאָר האָט ער געפירט דעם זשורנאַל, ער האָט אים אָפּגעגעבן אַלע זיינע כוחות. דער זשורנאַל איז געוואָרן דעריבער ביי אים טייער, ווי אַן אייגן קינד. אָבער קאָראָלענקאָ לייגט זיין פען ניט אַוועק. ער שרייבט אויף אַ ניי בוך — זיין ליבלינגס-בוך—„די געשיכטע פון מיין בן-דור“ (וואָס טראָגט אַן אויטאָביאָגראַפישן *) כאַראַקטער). זיין געזונט איז שוואַך. ער לעבט איבער גרויסע צרות אויך אין זיין פאַמיליען-לעבן: מען שיסט זיין געליבטן איידים. אָבער זיין גייסט איז שטאַרק, ווי אַלעמאָל. אין די שווערסטע צייטן האָט קאָראָלענקאָן ניט פאַרלאָזן זיין האָפענונגס-פולער קוק אויפן לעבן. יעדעס וואָרט זיינס, וואָס פלעגט דערפליען צו אונז אין די לעצטע יאָרן, איז געווען דורכגעדרונגען מיט האָפענונג, מיט מוט, מיט אָפּטימיזם...

אין איינער פון קאָראָלענקאָס פּאָעטישע שאַפונגען „די פייערלעך“, דערציילט זיך, ווי אין אַ פינסטערער האַרבסט-נאַכט פאָרט אַ שיפל איבער אַ ווילדן סיבירער טייך. אַרום איז שמאָק-פינסטער. מיטאַמאָל דערזעט זיך פון וויטן אַ פייערל, וועלכעס שטעכט דורך די פינסטערקייט. עס ווערט מונטערער. אויב אַ פייערל, הייסט דאָס, אַז נאָענט איז אַ ישוב, וואו מען וועט קאָנען איבערנעכטיקן. עס דוכט זיך, מען דאַרף 2—3 מאָל אַ רודער טאָן, און מען איז שוין ביים ציל, נאָר מען רודערט אַ צייט, דאָס פייערל איז העל, אָבער עס דערנענטערט זיך ניט. די שטיינערנע הויכע ברעגעס פאַרשטעלן אויף אַ געוויסער צייט דאָס פייערל. נאָכדעם באַווייזט עס זיך פונדאָסניי. אַרום איז אַלץ פינסטער, דאָס וואַסער איז שוואַרץ, ווי טינט. אָבער פונווייטן שיינט דאָס פייערל. און הגם דו ווייסט שוין, אַז דאָס פייערל איז נאָך זייער ווייט, אַז נאָך לאַנג וועט אויסקומען צו פאָרן איבערן טייך, — נאָר עס איז פאָרט פרייליכער. „דאָך זייגען פאָראַן פאָראויס פייערן“.

עס זייגען כמעט ניט דערגאַנגען צו אונז קיין ידיעות וועגן קאָראָלענ-

*) אויטאָביאָגראַפיע — באַשרייבונג פון אייגענעם לעבן.

קאָס לעצטע חדשים. נאָר עס גלויבט זיך, אַז ער האָט זיך געשיידט מיטן לעבן אין דער איבערצייגונג, אַז די מענטשהייט גייט פאָרט צום בעסערן, אַז די גליקלעכע צוקונפט וועט מוזן קומען, אַז „פאָראויס זיינען דאָך פאַראַן פייערן"...

... יעדער מענטש, אַפילו דער ערגסטער, האָט זיין געוויסן, וועלכער מאַטערט אים, לאָזט ניט רוען, אויב ער טוט שלעכטס. ניט נאָר אַ מענטש האָט אַ געוויסן—אַ פאָלק, אַ לאַנד האָט אויך זיין געוויסן. און דאָס געוויסן פון רוסלאַנד איז געווען קאָראָלענקאָ. ווי נאָר ס'פלעגט אָפּגעטאָן ווערן אין רוסלאַנד אַ שלעכטע, אַ שרעקלעכע זאַך — און אין דער צאַרישער רוסלאַנד איז דאָס געווען גאַנץ אָפט — פלעגט זיך גלייך מעכטיק לאָזן הערן קאָראָלענקאָס שטים, און צו זיין שטים האָבן זיך געמוזט צוהערן אויך די גרויזאַמסטע אין רוסלאַנד...

אָט פאַסירט אין רוסלאַנד אַ שרעקלעכע געשעעניש: אין מזרח, ניט ווייט פון די אוראַלער בערג, וואוינט אַ קליין פאָלק — וואָטיאַקעס. מען מאַכט אויף זיי אַ בלוט-בילבול. אַ גרופע וואָטיאַקעס דראָט טויט-שטראָף. קאָראָלענקאָ טרעט מוטיק אַרויס קעגן דער אומזיניקער באַשולדיקונג, — און די מענטשן ווערן געראַטעוועט.

אין 1906—1907 יאָרן, גלייך נאָך דער ערשטער רעוואָלוציע, וויל דער רוסישער צאַר דערטרינקען די רעוואָלוציע אין בלוט. טעגלעך שיסט מען, מען הענגט צענדליקער און הונדערטער מענטשן. טויטשטראָף ווערט אַ ענין פון יעדן טאָג. קאָראָלענקאָ שרייבט אָן זיין שטאַרקסטן פראָטעסט קעגן דעם: „די געוויינלעכע דערשיינונג", וועלכע רודערט אויף די גאַנצע וועלט...

אויב קאָראָלענקאָ איז געווען דאָס געוויסן פון רוסלאַנד, האָט ער געמוזט שפירן מיט אַ באַזונדער שאַרפקייט די יידישע צרות.

אין 1903 יאָר קומט פאָר אין קישינעוו דער יידישער פאָגראָם. קאָראָלענקאָ שרייבט דאַן אָן זיין באַוואוסטע דערציילונג „הויז נומ. 13", וואו מיט בלוט פון זיין האַרצן מאָלט ער די ענויים און ליידן פון די אומגליקלעכע יידן.

האַרט פאַר דער מלחמה געפינט מען פסח-צייט אין קיעוו אַ טויט קריסטלעך יינגל. מען פאַרשפרייט קלאַנגען, אַז יידן האָבן דערהרגעט דאָס יינגל, כדי צו האָבן בלוט אויף מצה... די מאַכט אַרעסטירט אַן אומשולדיקן יידן, מענדל בייליס. מען האַלט אים אין טורמע. מען פאַרפירט אַ משפט. קאָראָלענקאָ איז געווען דער, וואָס האָט שטאַרקער פון אַלעמען פראָטעסטירט קעגן דעם אומדערהערטן בילבול. און אין דעם, וואָס מענדל בייליס ווערט באַפרייט, וואָס עס ווערט אָראָפּגענומען דער אומזיניקער פלעק פון די יידן, — האָט קאָראָלענקאָ אַ גרויסן חלק.

קאָראָלענקאָ זעט די יידישע צרות, ער זעט, ווי די אַגענטן פון דער צאַרישער רעגירונג פאַרסמען די נשמה פון רוסישן פינסטערן פויער מיט פאַרשיידענע אויסגעטראַכטע מעשיות וועגן יידן. די רעגירונג טוט דאָס, זי רייצט אָן אויף יידן, כדי דאָס פאַרשקלאַפטע רוסישע פאָלק זאָל אויסלאָזן זיין כעס

און פֿאַרביטערטקייט צו די יידן, ניט צום צאַרישן רעזשים. קאָראָלענקאָ קאָן גוט די

אין זשיטאָמיר, אין ראָוונע, וואו ער האָט פֿאַרבראַכט זיין קינדהייט און יוגנט, לעבט ער מיט יידן, קוקט זיך צו צו זיי. ער ווייס, אַז דאָס יידישע פֿאָלק איז ניט ערגער, ווי אַנדערע. עס זיינען דאָ ביי אים שלעכטע און גוטע מענטשן, ווי ביי אַלע פֿעלקער.

ער שרייבט אָן דערציילונגען, וואו ער שילדערט די בעסטע זייטן פֿון די יידן.

זיין רייזע קיין אַמעריקע האָט ביי אים אַרויסגערופֿן דאָס ווערק, „אָן אַ לשון", וואו ער שילדערט די ליידן פֿון די עמיגראַנטן, וועלכע קומען אין אַ פֿרעמד לאַנד, ווייסן ניט דעם לשון, האָבן זיך ניט צו ווענדן...

אין דערדאָזיקער דערציילונג מאָלט ער אונז אײנעם, אַ מיסטער באָרק (אַליין אַ געוועזענער עמיגראַנט מיטן נאָמען ברוך). דער מיסטער באָרק העלפֿט די רוסישע פֿויערים, וועלכע גייען ערשט אַראָפּ פֿון שיף. פֿאַר אַ קליינעם פּרייז גיט ער זיי עסן, דירה. צווישן די פֿויערים-עמיגראַנטן איז דאָ אַ קריסטין אַנע. כּדי אַנע זאָל זיך פֿילן בעסער, גיט ער איר אָפּ אַן אָרט אין זיין טאָכטערס צימער. מיט אַ צערטלעכקייט און ליבע באַציט זיך באָרק צו די אָרימע פֿויערים. און די פֿינסטערע פֿויערים באַצאָלן אים פֿאַר זיינע טובֿות מיט גראָבקייטן און זידלערייען. אַנעס ברודער, דערציילט דער אַווטאָר, איז אַנטלאָפֿן פֿון רוסלאַנד, ווייל ער איז געוועזן פֿאַרמישט אין אַ פּאָגראָם אויף יידן...

זייענדיק נאָענט צו אַלע אונטערדריקטע, איז קאָראָלענקאָ באַזונדערס נאָענט צו יידן.

קאָראָלענקאָ, די ריינסטע און צאַרטסטע נשמה, האָט ליב אַלץ, וואָס איז נאַטירלעך, אוממיטלבאַר. אים ציען צו די געדיכטע רוסישע וועלדער, די מיט שניי באַדעקטע טונדרעס, וואָס ציען זיך אויף טויזנטער ווייאָרסטן, די ברייטע טייכן. הערט, ס'אַר אַ נעמען ער גיט זיינע ערציילונגען: „דער וואַלד רוישט", „דער טייך שפּילט".

קאָראָלענקאָ האָט ליב קינדער. ער קאָן זיך דורכדרינגען מיט דער קינדערשער שטימונג, ער פֿילט זיך גוט מיט קינדער, ער פֿאַרשטייט זיי, ווייל ער איז אַליין „אַ קינדערשע נשמה אין אַ דערוואַקסענעם מענטשן". די קינדער, וואָס ער מאָלט אונז אין זיינע ווערק, זיינען די זאַפּטיקסטע, די בולטסטע געשטאַלטן ביי אים.

קאָראָלענקאָ, וועלכער שרייבט כּמעט אין אַלע זיינע ווערק וועגן לעבן פֿון דער מענטשלעכער ליידנדיקער נשמה, שילדערט אונז שווערע דראַמען פֿון דעם קינדס נשמה.

באַזונדערס שטאַרקע שילדערונגען פֿון דער דראַמע פֿונם קינדס נשמה געפֿינען מיר אין דער דערציילונג „אין אַ שלעכטער געזעלשאַפֿט*).

---

*) דידאָזיקע דערציילונג וועט דער לעזער געפֿינען אין „חבר".

און אין אַ צווייטער דערציילונג „דער בלינדער מוזיקאַנט", דערציילט אונז קאָראָלענקאָ וועגן זייער אַ טאַלאַנטפולן יינגל פּעטריק, וועלכער איז בלינד פון געבאָרן אָן. פאַר אים עקזיסטירט ניט די ליכט פון דער זון, די שיינקייט פון פאַרבן און פאָרמען. פּעטריק פילט, אַז אים האָט מען באַרויבט און געמאַכט אומגליקלעך. יעדער טריט דערמאָנט פּעטריקן, אַז ער איז ניט אַזוי ווי אַנדערע קינדער, אַז ער איז באַרויבט פון גרעסטן גליק. פּעטריקס עלטערן זיינען זייער רייכע. אין שטוב פילן זיך אַלע, ווי שולדיק פאַר אים, און אַלע באַפרידיקן זיין מינדסטן וואונטש. ביסלעכווייז ווערט פּעטריק אַן אומבאַוואוסטזיניקער דעספּאָט, אַלע מוזן תיכף טאָן, וואָס ער וויל. פּעטריק איז איינגאַנצן פאַרנומען מיט זיין אומגליק, זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט ווענדט ער אויף זיך אַליין, די אַנדערע מענטשן אינטערעסירן אים ניט. זיינע שטענדיקע ליידן מאַכן אים פאַר אַ טרוקענעם עגאָאיסט, וועלכער קאָן קיין נוץ ניט ברענגען. ער פילט, אַז ער איז אַן איבעריקער אין לעבן, אַז ס'איז ניטאָ פאַר אים אין לעבן קיין אָרט. קיין אַרבעט...

נאָר מיטאַמאָל שטויסט ער זיך אָן אויף נאָך מער אומגליקלעכערע, ווי ער אַליין. אין אַ קאַלטן האַרבסט־טאָג איז ער פאַרבייגעגאַנגען פאַרביי בלינדע אָרימעלייט. זיי זיינען געזעסן מיט הילצערנע טעלער אין האַנט, און פון צייט צו צייט האָט ווער עס איז פון זיי אויסגעשריען מיט אַ ניגון: „גיט אַ נדבה די בלינדע!"... דאָ האָט פּעטריק דאָס ערשטע מאָל אין לעבן דערזען מענטשן, וועלכע זיינען נאָך מער באַעוולט, ווי ער. דאָ זיינען געזעסן בלינדע מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין דאַך, האָבן ניט וואָס צו עסן. פריער האָט דער באַוואוסטזיין פון זיין אייגענעם אומגליק פאַרפינסטערט פּעטריקן דאָס לעבן. איצט האָט ער דערפילט אַ פרעמדן צער, און ער איז געוואָרן גאָר ווי נאָכאַמאָל געבאָרן. ער האָט אָנגעהויבן צו טראַכטן וועגן אַנדערע, ער האָט געבויט פּלענער, ווי קומען צו הילף אומגליקלעכע. ער טראָגט שוין אין האַרצן אַ פרעמדן צער, און דאַן האָט ער שוין אַן אָרט אין לעבן.

קאָראָלענקאָ האָט מיט זיין גאַנצן ווערק געפילט, אַז נאָר די אַרבעט פאַר אַנדערע, פאַר דער געזעלשאַפט, נאָר דאָס שטענדיקע טראַכטן וועגן די אינטערעסן פון כלל, נאָר די גרייטקייט צו ברענגען די גרעסטע קרבנות פאַר די אונטערדריקטע או באַליידיקטע—נאָר דאָס ברענגט דעם מענטשן גליק.

דער זאַטער, וואָס איז צופרידן מיט זיך און מיט דער וועלט, איז געווען אַן עקל פאַר קאָראָלענקאָן. אַ מענטש מוז זוכן, מוז טראַכטן, מוז אַרבעטן פאַר דער געזעלשאַפט, מוז זיך אַפילו מוסר־נפש זיין פאַר אַנדערע. אַזעלכע מענטשן זיינען אמתע אידעאַליסטן.

קאָראָלענקאָ אַליין איז געווען דער גרעסטער אידעאַליסט פון אונזער צייט!

מײַן געבורטס=שטעטל.

די מאַמע מײַנע איז געשטאָרבן, װען איך בין אַלט געװען פֿינף יאָר. דער פֿאָטער איז פֿאַרבליבן אײַנגאַנצן אַ דערשלאָגענער פֿון דעם אומגליק, און װעגן מיר האָט ער אַזױ װי גאָר פֿאַרגעסן. אָפּטמאָל פֿלעגט ער צערטלען מײַן קלײנינקע שװעסטערל, סאָניע, פֿלעגט װעגן איר טראַכטן, װײַל זי איז געװען ענלעך צו דער מוטער. איך בין אָבער געװאַקסן װי אַ װילד ביימל אין פֿעלד. קײנער האָט זיך װעגן מיר ניט געקימערט, קײנער ניט געזאָרגט, קײנער אָבער האָט אויך ניט געשטערט מײַן פֿרײַהײט.

מײַן געבורטס=שטעטל איז געװען פֿונאַנדערגעװאָרפֿן צװישן שלעפֿעריקע אָזערקעס, שטענדיק באַדעקטע מיט גריניעם שימל. פֿון מזרח=זײַט קומט אויס אַראָפּצולאָזן זיך אין שטעטל פֿון אַ באַרגיקן שאָסײ, װאָס איז פֿאַרצאַמט מיט אַ ראָגאַטקע. אַ פֿאַרשלאָפֿענער אינװאַליד הײבט פֿאַר אײַך לאַנגזאַם אויף דעם שלאָגבוים, און איר זײַט שוין אין שטעטל, כאָטש לכתחילה באַמערקט איר דאָס נאָך ניט. גראָע פֿאַרקאַנעס, װיסטע פּלעצער מיט אָנגעװאָרפֿענע קופּעס פֿון כּל המינים מיסט ליגן צװישן די בלינדלעכע, װי אין דער ערד אַײַנגע=װאַקסענע הײזלעך; װײַטער — דער ברײטער מאַרק=פּלאַץ, אין װעלכן עס קוקן, װי שװאַרצע לעכער, די פֿינסטערע טירען פֿון די ייִדישע אכסניות.

דער הילצערנער בריק איבער דעם שמאָליקן טײַכעלע קרעכצעט, צי=טערנדיק אונטער די רעדער און טרײסלט זיך װי אַן אָפּגעלעבטער זקן. הינטערן בריק האָט זיך אַװעקגעצױגן די ייִדישע גאַס מיט אירע מאַגאַזינעס, קראָמען, קרעמלעך, טישלעך, עלמערלעך און בײדלעך. שמוץ, שװערע געשטאַנקען... קופּעס קינדער װאַלגערן זיך אין גאַסן=שטויב. נאָר נאָך אײן מינוט, און איר זײַט שוין הינטער דעם שטעטל. שטיל סודען זיך די בעריאָזקעס איבער די בית=עלמין=קברים, און עס כװאַליעט דער װינט די זאַנגען אויף די פֿעלדער, און זינגט מיט די דראָטן פֿון טעלעגראַף בײַ דעם װעג אַ ליד פֿון אומעט אָן סוף.

דאָס טײַכל, איבער װעלכן עס האָט זיך געטרײסלט דאָס בריקל, פֿליסט פֿון אײן סאַזשלקע אין די צװײטע, און פֿון צפֿון=און דרום=זײַט פֿון שטעטל שפּרײטן זיך ברײטע װאַסער=פּלאַכן און זומפּן. די סאַזשלקעס װערן פֿון יאָר צו יאָר אַלץ פּלאַכער פֿאַרװאַקסן מיט גרינס, און איבער די אומגעהײערע זומפּן װיגן זיך, װי אַ ים, הױכער און געדיכטער טשערעט. אינמיטן פֿון אײן סאַזשלקע איז פֿאַראַן אַן אינזל, אויף אויפֿן אינזל אַן אַלט האַלב חרובער שלאָס.

צו מערב=זײַט פֿון שטעטל אויפֿן באַרג, שטײט, צװישן אײַנגעפֿאַלענע קברים און איבערגעפֿוילטע צלמים, אַן אַלטע לאַנג פֿאַרלאָזענע קאַפּליצע.

געװען צײַטן, װען די חורבות פֿון אַלטן שלאָס האָבן געדינט פֿאַר אַ מקום=מקלט פֿאַר אַלע אָרימע און עלנטע. אַלע יענע, װאָס האָבן ניט געהאַט פֿאַר זיך קײן אָרט אין שטאָט, אָדער האָבן פֿאַרלאָרן די מעגלעכקײט צו צאָלן

עטלעכע אָרימע גראָשנס פאַר אַ דאַך איבערן קאָפּ אויף דער נאַכט, — פלעגן זיך אַוועקלאָזן אויפן אינזל, און דאָ, אונטער די חורבות, וועלכע קענען יעדע שעה אײַנפאַלן, פלעגן זיי צושפאַרן זייערע קעפּ, אָט דידאָזיקע, און פאַר דער גאַסטפרײַנדשאַפט פלעגן זיי באַצאָלן נאָר מיט דער ריזיקע באַגראָבן צו ווערן אונטער די צופאַלענע אַלטע שטיקער ציגל און שטיין.

נאָר דאָס אַלץ האָט זיך געצויגן ביז דער צייט, ווען יאַנוש, געוועזענער באַדינער פון אַלטן גראַף, האָט אויסגעבעטן ביים גראַף דעם חסד צו טראָגן דעם טיטל פאַרוואַלטער פון שלאָס. דאַן האָט יאַנוש גלייך משלח געווען פון די בוידימס און קעלערס פון דער אַלטער חורבה די גאַנצע חבריה היימלאָזע שלעפּערס. געבליבן זיינען נאָר אייניקע „גוטע קריסטן“, קאַטאָליקן, וועלכע האָבן נושא חן געווען ביי יאַנושן.

נאָך דערדאָזיקער איבערקערעניש אויפן אינזל האָט דאָס שטעטל פאַרבראַכט עטלעכע שטאַרק אומרואיקע נעכט: די הינט האָבן געבולן, טירן האָבן געסקריפּעט, און די אײַנוואוינער האָבן מיט הילכיקע קלעפּ פון שטעקנס איבער די פאַרקאַנעס כסדר עמיצן געלאָזן צו וויסן, אַז זיי זיינען וואַך. דאָס שטעטל האָט געוואוסט, אַז אין דעם חושך ואפילה פון דער רעגנדיקער נאַכט דרייען זיך איבער זיינע גאַסן אַרום מענטשן, וועלכע זיינען הונגעריק און מיד, וועמען עס איז נאַס און קאַלט. און ווי בכיוון, פלעגט די נאַכט, קומענדיק אויף דער ערד, טרעפן דעם קאַלטן גוס־רעגן, און אַוועקגיין און לאָזן דעם גראָען שלייער פון די נידעריקע וואָלקנס.

און דער ווינט האָט געווילדעוועט אין דער נאַכט, געשאָקלט די ביימערשפּיצן, געקלאַפּט אין די לאָדנס, און מיר אין מיין בעטל געצויגן אַ ניגון וועגן צענדליקער מענטשן, וועלכע האָבן ניט קיין וואַרימען דאַך איבערן קאָפּ.

די פאַרטריבענע האָבן אין שטעטל קיין אָרט ניט געפונען. אמת, זיי האָבן זיך שוין שפּעטער מער ניט אַרומגעשלעפּט איבער די גאַסן. מען פלעגט דערציילן, אַז זיי האָבן זיך געפונען אַ מקום מנוחה ערגעץ אַרום דער אוניאַטישער קאַפּליצע. נאָר ווי זיי האָבן זיך געקליגט דאָרט צו באַזעצן, האָט קיינער ניט געקענט זאָגן, אַלע האָבן מערנישט געזען, ווי פון יענער זייט, פון די בערג און די באַרג־דורכגאַנגען פון אַרום דער קאַפּליצע לאָזן זיך טאָג־איין־טאָג אויס פון פרימאָרגן משונהדיקע און פאַרדעכטיקע פיגורן, וועלכע פאַרשווינדן קעגן נאַכט אין דערזעלביקער ריכטונג.

די אינטערעסאַנטע פערזאָן אין דער גאַנצער חברה אָרימעלייט, וועלכע האָבן זיך ניט אײַנגעלעבט אין אַלטן שלאָס, איז געווען פאַן טיבורצי דראַב, וועלכער האָט איצט קאָמאַנדירט מיט אַלע זיינע חברים, ווי מיט זיין טרייען חייל. זיין געשטאַלט האָט זיך זייער לעבעדיק אײַנגעקריצט אין מיין קינדערשן מוחל. אין זיין אויסזען איז ניט געווען קיין סימן פון אַריסטאָקראַטיזם: ער איז געווען פון הויכער וואוקס, שטאַרק געבויגן מיט האַמעטנע אויסדרוקספולע שטריכן פון געזיכט; זיינע קורצע, געלבלעכע האָר האָבן געסטאַרטשעט אין אַלע זייטן; דער קורצער שטערן, דער קין, וואָס האָט אַ ביסל אַרויסגעשטאַרטשעט,

די שטאַרקע באַוועגלעכקייט פונם פּנים — האָבן צוגעגעבן זיין גאַנצער פיזיאָנאָ־מיע אַן אָנבליק פון אַ מאַלפּע; נאָר די אויגן, וועלכע האָבן געבלישצעט פון אונטער די אַריבערגעהאַנגענע ברעמען, האָבן געקוקט שטיל און פינסטער, און אין זיי האָט געלויכטן צוזאַמען מיט אַ שטענדיקן הינטערגעדאַנק אַ שאַרפע דורכדרינגלעכקייט, ענערגיע און ניט קיין געוויינלעכער שכל. און בעת דאָס געזיכט פלעגט מאַכן די קאָמישסטע העוויות, פלעגן די אויגן שטענדיק איינ־היילטן דעמזעלביקן אויסדרוק. און אַ אומקלאָרע אימה פלעגט מיך, דעם קינד, באַפאַלן, ווען איך פלעג זען די בדחנישע תנועות פון דעמדאָזיקן מאָדנעם פאַרוואָלקנטן מענשן.

דער סוד פון פאַן טיבורציס אָפּשטאַמונג האָט אים אין אונזער געגנט געמאַכט אַ שם פון אַ כישוף־מאַכער. מסתמא, האָט ער אַליין טיף אין האַרצן אָפּגעלאַכט פון דער מענטשלעכער טיפּשות. נאָר ווען מען פלעגט אים אַרויס־רופן כישוף ברויכן, פלעגט ער זיך קיינמאָל ניט אָפּזאָגן, נאָר אָנשטאָט השבעות, פלעגט ער אין אַזעלכע פאַלן זאָגן אויסווייניק די תורות פון טיט ליווי.

דער פאַן טיבורצי האָט אויך געהאַט קינדער. צי אייגענע, צי פרעמדע,— האָט קיינער ניט געקענט ערקלערן. דער יינגל, לויטן נאָמען, וואַלעק, אַ הוי־כער, דאַרער, שוואַרצחנעוודיקער, פלעגט אַ פינסטערער אָפּט אַרומבלאָנדזשען איבערן שטאָט סתם אַזוי זיך, מיט די הענט אין די קעשענעס, און וואַרפן אָפּט אָן אַ זייט אַזעלכע בליקן, וועלכע פלעגן אַריינברענגען אין אַ גרויסער פאַר־לעגנהייט די הענדלערקעס מיט קוילעטשן. דאָס מיידעלע האָט מען געזען איין אָדער צוויי מאָל ביי פאַן טיבורצי אויף די הענט. דערנאָך איז זי ערגעץ פאַרפאַלן געוואָרן, — וואוהין זי איז אַהינגעקומען האָט קיינער ניט געוואוסט. מען פלעגט שמועסן, אַז זיי וואוינען אין אַ הייל לעבן דער אוניאַטישער קאַפּליצע?

דער מיט קברים צעגראָבענער באַרג לעבן דער קאַפּליצע האָט געהאַט אַ שלעכטן שם. אויפן אַלטן בית־עולם פלעגן זיך אָנצינדן אין די פינסטערע האַרבסט־נעכט בלויע פייערלעך; און אין קאַפּליצע פלעגן נאַכט־פייגלען שרייען אַזוי שניידנדיק און הויך, אַז אַפילו ביי מוטיקסטן אין שטעטל, ביים שמיד, פלעגט פאַרקוועטשן די האַרץ פון די געשרייען פון די פאַרשאָלטענע פייגלען.

איך און מיין פאָטער.

פון דאַן אָן, זינד עס איז געשטאָרבן מיין מוטער, און מיין פאָטערס פינסטערער פּנים איז נאָך חשכדיקער געוואָרן, האָט מען מיך זייער זעלטן געזען אינדערהיים. אין די שפּעטיקע זומערדיקע אָוונטן פלעג איך, ווי אַ יונגער וועלפל, דורכגנבענען זיך דורכן סאָד, אויסמיידנדיק אַ טרעפעניש מיטן פאָטער, מיט באַ־זונדערע מכשירים פלעג איך אויפעפענען מיין פענסטער, וואָס איז געווען פאַרשטעלט מיט געדיכטע גרינע צווייגן פון מאַי, און שטילערהייט זיך לייגן אין בעט. אויב דאָס קליינע שוועסטערל פלעגט נאָך ניט שלאָפן אין איר וויגעלע אין צווייטן צימער, פלעגט איך אַריינקומען צו איר, און מיר פלעגן צערטלעך איינער דעם אַנדערן און שטילינקערהייט זיך שפּילן, כדי ניט אויפצוועקן פון

שלאָף די אַלטע שטענדיק אומצופרידענע ניאַנע. און אינדערפרי, ווען אַלע פלעגן נאָך שלאָפן אין שטוב, פלעגט זיך שוין איבערן טוי אויפן הויכן געדיכטן גראָז פון סאָד מיין שפור אָפּצייכענען; איבערן פאַרקאַן פלעג איך קומען צו דער סאַזשלקע, וואו עס פלעגן מיך שוין אָפּוואַרטן מיט ווענטקעס מיינע חברים, קונדסים, ווי איך; אָדער איך פלעג קומען צום מיל, ווען דער פאַרשלאָפענער מילנער פלעגט נאָר־וואָס אָפּרוקן די שלוזן, און איך פלעג באַטראַכטן דעם לייכטן פרישן צאַפּל פון דער שפּיגלדיקער אויבערפלאַך, ווען דאָס וואַסער פלעגט זיך אַ לאָז טאָן אין שופל אַריין און נעמען זיך פאַר זיין טעגלעכער אַרבעט.

מיר איז געפעלן געחען צוצוזען די ערוואַכונג אין דער נאַטור. מיר פלעגט שטאַרק הנאה טאָן, ווען מיר פלעגט געלינגען איבערשרעקן אַ פאַרשלאָפענעם לאַרך אָדער אַרויסיאָגן פון צווישן די בייטן אַ האָז אַ פּחדן. טויטראָפּנס פלעגן פאַלן פון די פעלד־בלימלעך, ווען איך פלעג דורך די פעלדער זיך פאַרנעמען צום וואַלד הינטער דער שטאָט. די ביימער פלעגן מיך באַגעגענען מיטן גערויש פון פוילן דרעמל.

איך פלעג באַווייזן דורכמאַכן אַ היפּשן מהלך, און דאָך פלעג איך צוריקוועגס אין שטעטל דורכאויס אָנטרעפן פאַרשלאָפענע פיגורן ביים אויפעפענען די לאָדנס. די זון פלעגט שוין שטיין הויך איבערן באַרג, ווען דער הונגער פלעגט מיר צווינגען קומען אַהיים צום פרימאָרגנדיקן טיי.

בכלל, האָבן מיך אַלע אין שטעטל געהאַלטן פאַר אַ שלעכטן צולאָזענעם ווייסן־חברהניק. און דאָס איז אַזויפיל מאָל איבערגעחזרט געוואָרן, אַז איך האָב, ענדלעך, אַליין אָנגעהויבן גלויבן, אַז דאָס איז טאַקע אַזוי. דער פאָטער האָט אויך אַזוי געהאַלטן, און האָט ווען־ניט־ווען געפרובירט פאַרנעמען זיך מיט מיין דערציאונג. נאָר אַלע פרובן זיינען תּמיד פאַרבליבן פרוכטלאָז. פנים־אל־פנים מיט דעם פאָטערס שטרענגן און פינסטערן געזיכט, אויף וועלכן עס איז געלעגן דער האַרטער שטעמפּל פון אַ אומפאַרגעסלעכן אומגליק, פלעג איך זיך פאַרלירן און נאָך מער זיך איינשליסן אין זיך. איך פלעג שטיין פאַר אים אַ פאַרלאָרענער, זיך קנייטשן, צופן מיינע הויזלעך און אַרומקוקן זיך. צייטנווייז פלעגט אין ברוסט ביי מיר ווי עפּעס זיך דערהויבן: איך האָב באַגערט, דער פאָטער זאָל מיר אַרומנעמען, אַוועקזעצן צו זיך אויף די קני און אַרויסווייזן ליבשאַפט צו מיר. אין זיין ברוסט וואָלט איך זיך דאַן איינגעקנורעט, און, אפשר, וואָלטן מיר דאַן ביידע צוזאַמען — אַ קינד און אַ פעסטער מאַן — געקלאָגט אויף אונזער שותּפישער אַבידה. נאָר ער קוקט אויף מיר מיט זיינע פאַרנעפּלטע אויגן, געוועגדטע פונקט ווי איבער מיין קאָפּ, און איך פלעג איינגאַנצן איינציען זיך אונטער דעמדאָזיקן אומפאַרשטענדלעכן בליק.

— דו געדענקסט די מאַמען? פלעגט פרעגן דער פאָטער.

צי האָב איך זי געדענקט? אָ, יאָ, איך האָב זי געדענקט! איך האָב געדענקט, ווי איך פלעג אַמאָל זיך אויפכאַפּן ביינאַכט און זוכן אין דער פינסטער אירע צאַרטע הענט, און שטאַרק זיך טוליען צו זיי און מיט קושן באַדעקן.

איך האָב געדענקט, ווי זי איז געזעסן אַ קראַנקע פאַרן אָפענעם פענסטער און טרויעריק ווי ביים געזעגענען זיך באַטראַכט דעם וואונדערבאַרן פרילינגס-בילד, אין לעצטן יאָר פון איר לעבן.

אָ, יאָ! איך האָב זי געדענקט! ווען זי איז יונג און וואונדערשיין, אינגאַנצן באַדעקט מיט בלומען, געלעגן מיטן שטעמפל פון טויט אויפן בלייכן געזיכט, האָב איך זיך פאַרקליבן אין אַ ווינקל, ווי אַ חיהלע, געקוקט אויף איר מיט ברענענדיקע אויגן, פאַר וועלכע עס האָט זיך צוערשט אַנטפּלעקט דער גאַנצער שוידער פון דער געהיימעניש־פולער רעטעניש פון טויט און לעבן. און באַלד, ווען מ׳האָט זי אַוועקגעטראָגן צווישן אַ מענגע אומבאַקאַנטע מענטשן, צי האָבן דען ניט מיינע געוויינען מיט פאַרשטיקטע קרעכצן אָנגעפילט דעם חושך פון דער נאַכט, פון מיין ערשטער נאַכט, ווען איך בין געוואָרן אַ יתום?

נאָר אויף מיין פּאָטערס פראַגע האָב איך געשוויגן, אינגאַנצן אַ צונויפגעשרומפענער, און פאָרזיכטיק פלעג איך אַרויסציען מיין הענטל פון זיין האַנט. און ער פלעגט זיך אָפקערן פון מיר, מיט וויטאָק און צער, ער האָט געפילט, אַז צווישן אונז שטייט אַ אומצושטערבאַרע וואַנט.

ער האָט צופיל געליבט מיין מוטער, ווען זי האָט געלעבט, און פלעגט מיך דאַן ניט באַמערקן צוליב זיין גליק. איצט האָט מיך פאַר אים פאַרהילט זיין אומגליק.

פון אַלע זייטן האָט מען אים אָנגערעדט, אַז איך בין אַ שלעכטער איבערגעפירטער יינגל, און ער פלעגט אַלץ מערער דערווייטערן זיך פון מיר, און אים האָט געפלאָגט דער געדאַנק, אַז זיין חוב איז מיך צו ליבן, און ער קען דאָס ניט. און איך האָב דאָס געפילט. אַמאָל פלעג איך מיך באַהאַלטן צווישן די קוסטעס און אַכטונג געבן אויף אים; איך האָב געזען, ווי ער פלעגט שפּאַנען איבער די וועגעלעך, זיינע טריט פלעגן ווערן אַלץ אייליקער, און שווערע קרעכצן פון אומדערטרעגלעכע יסורים פלעגן זיך אָפּט אַרויסרייסן פון זיין ברוסט. מיין האַרץ פלעגט זיך דאַן פאַרקוועטשן פון רחמנות. איינמאָל, ווען ער האָט צונויפגעדריקט דעם קאָפּ מיט די הענט, זיך אַוועקגעזעצט אויף אַ באַנק און צעוויינט זיך, האָב איך שוין ניט אויסגעהאַלטן. איך בין אַרויסגעלאָפן פון די קוסטעס אויפן וועגעלע, פאָלגנדיק עפּעס אַ אינעווייניקסטע שטים, וועלכע האָט מיך געשטויסן צו דעמדאָזיקן מענטשן. נאָר דערהערט מיינע טריט, האָט ער אויפגעהויבן דעם קאָפּ, אַ שטרענגן בליק געטאָן, און גלייך אָפּגעשטויסן מיך מיט דער קאַלטער פראַגע:

— וואָס פאַרלאַנגסטו?

איך האָב גאָרניט פאַרלאַנגט. איך האָב זיך שנעל צוריקגעקערט, פאַרשעמט איבער מיין אינעווייניקסטער באַוועגונג, און מורא האָבנדיק דער פאָטער זאָל זי ניט דערקענען אָן דער פאַרלעגנהייט, וועלכע ער האָט געקענט לייענען אין מיין געזיכט. טיף אין סאָד צווישן די געדיכטע ביימער האָב איך זיך אַ וואָרף געטאָן מיטן פּנים אין גראָז אַריין און ביטער געוויינט פון ווייטאָק און פאַרדרוס.

פון זעקס יאָר אָן האָב איך שוין פאַרזוכט דעם גאַנצן שוידערלעכן טעם פון איינזאַמקייט. די שוועסטער סאָניע איז אַלט געווען פיר יאָר. איך האָב זי

הייס געליבט, און זי האָט מיר געענטפערט מיט דעמוזעלביקן געפיל. נאָר מיין שם פון אַ שוין אָפּגעקלאָגטן קליינעם באַנדיטל, האָט אויפגעשטעלט צווישן אונז אַ הויכן צוים. יעדעסמאָל, ווען איך פלעג אָנהייבן שפּילן זיך מיט איר אויף מיין שטייגער, רעשדיק און לוסטיק, פלעגט די אַלטע, — תמיד אַ פאַרשלאָפענע ניאַנע, וועלכע פלעגט שטענדיק פליקן מיט פאַרמאַכטע אויגן הינערשע פעדערן אויף קישנס, -- גלייך זיך אויפכאַפּן, שנעל צונעמען מיין סאָניען און אַוועקטראָגן צו זיך, שענקענדיק מיר פאַרבייגייענדיק אַ פּאָר בייזע בליקן. אין אַזעלכע פאַלן פלעגט זי מיר אַלע מאָל דערמאָנען אַ צעשויבערטע קוואָקע. סאָניען פלעג איך דאַן באַטראַכטן פאַר דאָס הינדעלע דאָס עופעלע און איך אַליין פלעג ביי זיך אויסקומען ווי דער רויבערישער שפּאַרבער. מיר פלעגט ווערן ביטער און פאַרדראָסיק. קיין וואונדער ניט, וואָס איך האָב אינגיכן אַוועקגעוואָרפן אַלע מיינע פּרובן צו פאַרנעמען סאָניען מיט מיינע טומלדיקע שפּילן. און גאָר אינגיכן איז מיר ענג געוואָרן ביי אונז אין שטוב און אין סעדל, וואו איך האָב פון קיינעם ניט געזען קיין פריינדלעכע מינע. מיר איז ליב געוואָרן דאָס אַרומבלאָנדזשען, איך האָב זיך צוגעוויינט צו פאָרוואורפן און פאַרטראָגן זיי פונקט אַזוי גלייכגילטיק, ווי אַ פלוצלונגדיקן געוויטער אָדער ווי אַ זונען=גלי. אַ פאַרכמורעטער פלעג איך אויסהערן באַמערקונגען און טאָן זיך מיינס.

אַרומשלעפנדיק זיך איבער די גאַסן, פלעג איך מיט קינדעריש נייגעריקע אייגלעך אַריינבליקן אין אַלע זייטן פון דעם איינפאַכן לעבן פון שטעטל מיט זיינע הייזלעך; אויפן שאָסיי, ווייט פון שטאָטישן גערודער, פלעג איך איינזאַפּן דעם געזאַנג פון די דראָטן, און גלוסטן טרעפן, וועלכע בשורות טראָגן זיי פון די גרויסע שטעט; איך פלעג זיך צוהערן צום שורשען פון די זאַנגען, און אויפכאַפּן דעם ווינטס שעפּטשן אויף די הויכע קברים פון די היידאַמאַקעס. אין דידאָזיקע בלאָנדזשענישן האָב איך דערוואוסט און דערזען זאַכן, וועלכע אַ סך עלטערע קינדער פון מיר האָבן קיין השגה ניט געהאַט.

און ווען אַלע ווינקעלעך פון שטאָט זיינען מיר געוואָרן באַקאַנט צוזאַמען מיט אַלע שמוציקסטע הינטערגעסלעך, האָב איך אָנגעהויבן צו פאַרקוקן זיך אויף דער אוניאַטישער קאַפּליצע, וועלכע האָט זיך געזען פונווייטן אויף דעם באַרג. לכתחילה פלעג איך, ווי אַ שרעקעדיקע חיהלע, גיין צו איר פון אַלערליי זייטן, ניט האָבנדיק נאָך קיין מוט צו גיין אויפן באַרג, וואָס האָט געהאַט אַזאַ שלעכטן נאָמען. נאָר אין דער ווייטערדיקער באַקאַנטשאַפט מיטן געגנט האָב איך געטראָפן נאָר שטילע קברים און צעשטערטע צלמים. דאָרטן האָט זיך ניט געלאָזט מערקן וועלכער ניט איז זכר פון אַ מענטשלעכער וואוינונג אָדער אַפילו פון אַ מענטשן גופא, אַלץ איז געווען אַזוי צניעותדיק=שטיל, פאַרלאָזן און וויסט. נאָר די קאַפּליצע גופא האָט געקוקט פאַרדאגהט מיט אירע פוסטע פענסטער, פונקט ווי זי וואָלט געווען פאַרנומען מיט אַן אומעטיקער מחשבה.

מיר האָט זיך פאַרוואָלט באַטראַכטן זי, אַריינקוקן אינוויינוויק, כדי איינמאָל פאַר אַלע מאָל זיך צו איבערצייג, אַז אויך דאָרט איז גאָרניט דאָ, אויסער

שטויב. נאָר אַזוי ווי איינעם וואָלט געווען אַן אימה און אומבאַקוועם אונטערצונעמען אַזאַ עקסקורסיע, האָב איך צונויפגעזאַמלט פון די שטאָט־גאַסן אַ קליינע קאָמאַנדע פון דריי ווייסע־חברהניקעס, און זיי צוגעזאָגט באַלוינען מיט בולקעס און מיט עפל פון אונזער סאָד.

איך קריג נייע באַקאַנטע.

מיר האָבן זיך נאָכמיטאָג אַוועקגעלאָזן, זיינען צוגעקומען צום באַרג און גענומען דורכקלייבן זיך אַרויף דורך די ליימיקע באַרג־אָפּבּרעקלונגען, וועלכע זיינען געווען צעגראָבן מיט רידלס און צעשווענקט דורך די פרישע פרילינגסשטראָמען. די אָפּבּרעקלונגען האָבן אַנטבלויזט דעם גאַנצן שטח פון אַראָפּבּאַרג, און וואו־ניט־וואו האָבן פון דעם ליים אַרויסגעשטאַרצט ווייסע, האַלב אויסגעשטויבטע ביינער.

צום סוף זיינען מיר, העלפנדיק איינע די אַנדערע, אין איילעניש פאַרמאַטערטע אַרויף אויפן באַרג. די זון האָט זיך שוין גענויגט צום אַראָפּגאַנג. אירע קווערע שטראַלן האָבן צאַרט געגאָלדט דעם זיידענעם גרין־גראָז פון אַלטן בית־עולם, האָבן געשפּילט אויף די אויסגעבויגענע צלמים, און זיך געשפּיגלט אין די גאַנץ פאַרבליבענע שויבן פון קאַפּליצע. עס איז געווען שטיל. דער הויך פון טיפן בית־עולם־פרידן, דער אָטעם פון אייביקן רו האָבן געווייט איבערן פאַרוואָרפענעם אָרט.

מיר זיינען געווען אַליין, נאָר וואָראָבייטשיקלעך האָבן זיך פריילעך געעסקט אַרום, און שטיל האָבן זיך שווּעלבּלעך געטראָגן הין און צוריק דורך די פענסטער פון דער אַלטער קאַפּליצע, וועלכע איז געשטאַנען עפּעס ווי אומעטיק איינגענורעט צווישן די מיט גראָז באַוואַקסענע קברים, צניעותדיקע צלמים און האַלב צעשטערטע בית־עולם־מייערלעך, אויסגעבעטענע מיט געדיכטן גרינס; בונטע קעפּלעך פון אַלערליי האַנפּיסלעך, קאַשקעלעך און פיילכלעך האָבן שעמערירט און אין דעם גרינס זיך געוויגט.

— עס איז קיינער ניטאָ, — האָט געזאָגט איינער פון מיינע באַגלייטער.

— די זון פאַרגייט, — האָט באַמערקט אַ צווייטער, קוקנדיק אויף דער זון, וועלכע איז נאָך אין דער אמתן געשטאַנען איבער דעם באַרג.

די טיר פון קאַפּליצע איז געווען גוט פאַרשלאָגן, די פענסטער זיינען געווען הויך פון דער ערד; איך האָב אָבער געהאָפּט דערגרייכן זיי מיט דער חברישער הילף און אַריינקוקן אינעווייניק, אין דער קאַפּליצע.

— ניט, מען דאַרף ניט!—האָט אויסגעשריען איינער פון אונזער חברה, וועלכער האָט מיט אַמאָל זיין גאַנצן מוט פאַרלאָרן, און האָט מיך געכאַפּט פאַרן האַנט.

— טראָג זיך אָפּ, יידענע! — האָט זיך אויף אים אָנגעבייזערט דער עלטערער פון אונזער אַרמיי, אונטערשטעלנדיק מיר מיט גרייטקייט זיין פלייצע.

איך האָב דרייסט אַרויפגעקלעטערט; ער האָט זיך נאָכדעם אויסגעגלייכט און איך האָב זיך געשטעלט אויף זיינע אַקסלען. אין אַזאַ לאַגע איז מיר ניט שווער געווען צו דערלאַנגען מיט דער האַנט צום ראַם פון פענסטער. זיך

איבערצייגט אין פעסטקייט פון ראַם, האָב איך זיך אויפגעהויבן צום פענסטער און זיך אַוועקגעזעצט.

— נו, וואָס־זשע איז דאָרטן? — האָבן געמאָנט מיט אַ לעבעדיקער נייגע־ריקייט די חברים פון אונטן.

איך האָב געשוויגן. איך האָב זיך אַריבערגעבויגן איבערן פענסטער און אַריינגעבליקט אינעווייניק, אין קאַפּליצע: פון דאָרטן האָט אויף מיר אַ צי געטאָן מיט דער פּייערלעכער שטילקייט פון אַ פאַרוואָרפענעם טעמפּל. אינעווייניק האָט דערדאָזיקער הויכער און שמאָלער בנין ניט געהאַט קיינע באַפּוצונגען. די שטראַלן פון דער פאַרנאַכטיקער זון האָבן זיך פריי געגאָסן אין די אָפענע פענסטער און העל געגאָלדט די אַלטע, אָפּגעריבענע ווענט. איך האָב דערזען פון דער אינעווייניקסטער זייט די פאַרשלאָגענע טיר, איינגעפאַלענע כאָרן אין דער הייך, איבערגעפוילטע זיילן, וועלכע האָבן זיך ווי געוואַקלט פון דער משא איבער די כוחות. די ווינקלען זיינען געווען פאַרוועבט מיט שפּינוועבס, און זיינען געווען פינסטער, ווי געוויינטלעך אין אַלטע בנינים. פון דער פענסטער ביז צום פאָדלאָגע האָט אויסגעזען פיל ווייטער, איידער ביז צום גראָז אין דרויסן. מיר איז אויסגעקומען פונקט ווי איך וואָלט אַראָפּגעקוקט אין אַ טיפער גרוב, און איך האָב פאַר קיין אופן ניט געקאָנט פונאַנדערשיידן די געגנשטאַנדן וועלכע עס האָבן זיך געטונקלט אונטן.

דערווייל איז מיינע חברים אין דרויסן נימאס געוואָרן צו שטיין און וואַרטן אויף מיינע ידיעות. האָט איינער פון זיי דורכגעמאַכט דעמזעלביקן קונץ, וואָס איך פריער, און האָט זיך באַוויזן לעבן מיר, אין ראַם פון דעם פענסטער.

— אַ בימה, — האָט ער געזאָגט צוקוקנדיק זיך צו די געגנשטאַנדן פון אונטן.

— און אַ ווייראַכניצע.

— אַ עוואַנגעליום־טישל.

— און אָן, דאָרטן, וואָס איז? — האָט ער נייגעריק אָנגעוויזן אויף אַ טונקעלן געגנשטאַנד לעבן דער בימה.

— אַ גלחישע היטל.

— ניין, אַן עמער.

— צוליב וואָס־זשע איז דאָ אַן עמער?

— אפשר האָט מען אין אים געהאַלטן קוילן צום ווייראַך ברענען.

— ניין, דאָס איז טאַקע אַ היטל. איבעריקנס, מען קען אַ קוק געבן. אָט לאָמיר צובינדן אַ רימען צום ראַם און דו וועסט זיך אַראָפּלאָזן.

— אַוודאי! איך כאַפּ טאַקע און לאָז זיך אַראָפּ! קריך אַליין, אַז דיר גלוסט זיך.

— איז מיינסטו וואָס! איך וועל זיך ניט אַראָפּלאָזן?

— געזונטינקערהייט!

האַנדלענדיק לויט דער ערשטער באַוועגונג פון מיין האַרץ, האָב איך צוזאַמענגעבונדן צוויי רימענס, איין עק איבערגעגעבן דעם חבר און געבליבן הענגען אויפן צווייטן.

ווי נאָר כ׳האָב מיטן פוס באַרירט די פאָדלאָגע, האָב איך אויפגעציטערט, נאָר איין קוק אויפן פנים פון מיין חבר, וואָס איז געווען אַראָפגעבויגע צו מיר מיט אַן אויסדרוק פון מיטגעפיל. און ווידער האָב איך זיך געפילט מוטיק. די קלאַנגען פון מיינע טריט האָבן אָנגעפילט די פוסטע קאַפּליצע, האָבן אָפּגעהילכט אונטערן באַלקן און אין די פינסטערע ווינקלען. עטלעכע וואָראָבייטשיקלעך האָבן אַ פלאַטער געטאָן פון זייערע איינגעזעסענע ערטער אויף די כאָרן *) און זיינען אַרויסגעשפרונגען דורך אַ דאַך־שפּאַרע. פון דער וואַנט, אין וועלכער עס זיינען געווען די פענסטער, האָט אַראָפגעקוקט אויף מיר אַ שטרענגע געזיכט אין אַ דערנער קראַנץ. דאָס האָט זיך אַראָפגעבויגן פון אונטערן סאַמע באַלקן אַ גיגאַנטישע פיגור פון דעם „געקרייציקטן“.

מיך האָט אָנגענומען אַן אימה; מיין חברס אויגן האָבן געפינקלט. מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם, פול מיט געשפּאַנטער נייגעריקייט און מיטגעפיל האָט ער באַגלייט מיט די אויגן אַלע מיינע באַוועגונגען.

— דו וועסט צוגיין? — האָט ער שטילערהייט געפרעגט.

— איך וועל צוגיין, — האָב איך געענטפערט אויך שטיל, אָנגעמענדיק זיך מיט מוט. נאָר אין דער רגע האָט אומגעריכטס פּאַסירט עפּעס שרעק־לעכעס. שטיקער שטוקאַטורקע האָבן זיך גענומען ברעקלען און פאַלן אויף דער ערד, אינדערהויך האָט זיך עפּעס גענומען עסקן. אַ וואולקאַן שטויב האָט אויפגעטרייסלט די לופט. און אַ גרויסע, גראָע מאַסע, האָט מיט פליגלען אַ פלאַ־טער געטאָן און זיך אויפגעהויבן צו דער שפּאַרע אין דאַך. אין קאַפּליצע איז אויף אַ רגע ווי פינסטער געוואָרן. דאָס גערויש, וואָס מיר האָבן געמאַכט האָט אויפגערודערט אַ גרויסע אַלטע סאָווע, וועלכע איז אַרויסגעפלויגן פון פינסטערן ווינקל, האָט זיך אַ שאַשקע געטאָן צום דאַך, האָט אַ שוואַרץ געטאָן, אַ צע־שפּרייטע אויפן שיין פון בלויען הימל, אין שפּאַרע און האָט בליץ־שנעל אַרויס־געשוועבט אין אַ זייט.

אַ שרעק האָט דורכגענומען אַלע מיינע גלידער.

— צי אַרויף! — האָב איך אַ געשריי געטאָן צום חבר, זיך אָנכאַפּנדיק פאַרן רימען.

— שרעק זיך ניט, שאַ! — האָט מיך באַרואיקט מיין חבר, און זיך געקליבן אַרויפציען מיך צוריק אויף דער לעבעדיקער וועלט, אויף דער ליכט פון טאָג און זון.

נאָר מיטאַמאָל האָב איך דערזען, אַז זיין פנים איז צעקרימט געוואָרן פון שרעק; ער האָט אַ געשריי געטאָן און איז אין דערזעלביקער רגע פאַר־שוואונדן געוואָרן, אַראָפּשפּרינגענדיק פון פענסטער.

*) כאָרן—אַ גאַלעריי אין קלויסטער, אויף וועלכער ס׳שטייען געוויינלעך די קלויסטערזינגערי

איך האָב זיך אינסטינקטיוו אַרומגעקוקט און באַמערקט אַ מאָדנע ער־שיינונג, וועלכע האָט מיך אַזוי איבערראַשט, אַז איך האָב אפילו מער גע־שטוינט, ווי געציטערט.

דער טונקעלער געגנשטאַנד, וועגן וועלכן מיר האָבן זיך געאַמפּערט, — וואָס האָט געזאָלט זיין אַ היטל אָדער אַן עמער, — און וועלכער האָט זיך איצט בולט אויסגעקלאָרט (דאָס איז געווען אַ טאָפּ), — האָט אַ שוועב געטאָן אין דער לופטן און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אונטערן בימה. מיר איז קוים גע־לונגען צו באַמערקן די נעפּלהאַפטע שטריכן פון אַ קליינער, דאַכט זיך קינדער־שער, האַנט, וואָס האָט אים מיטגעשלעפּט אין זיין אַנטרינונגס־אָרט.

עס איז שווער איבערצוגעבן, וואָס איך האָב איבערגעלעבט אין יענע רגעס. דאָס, וואָס איך האָב דורכגעפילט, איז אַפילו ניט געווען קיין פּחד. פון ערגעץ־וואו, ווי פון גאָר אַן אַנדער וועלט, האָט זיך אין משך פון עטלעכע רגעס כּסדר געטראָגן אַן אומרואיק בחפזונדיקע טאָפּעריי פון עטלעכע פּאָר קינדערשע פיסלעך. נאָר באַלד איז אַלץ געוואָרן שטיל איך בין געבליבן עלנט אַליין, ווי אין אַ פינסטערן קבר, אַרומגערינגלט פון וואונדערבאַרע און אומפאַרשטענדלעכע דערשיינונגען.

קיין צייט האָט פאַר מיר דאַן ניט עקזיסטירט. דעריבער קאָן איך ניט זאָגן, ווי גיך איך האָב דערהערט פון אונטערן בימה אַן איינגעהאַלטן שעפּטשען.

— וואָסזשע קריכט ער ניט אַרויס צוריק?

— זעסט דאָך, ער איז איבערגעשראָקן.

די ערשטע שטימע האָט מיר געשיינט צו זיין פון גאָר אַ קליינעם קינד, די צווייטע — האָט געפּאַסט פאַר אַ יינגל פון מיין עלטער. אַ פּאָר שוואַרצע אויגן האָבן אפילו אַ גלאַנץ געטאָן, (האָט זיך מיר געדאַכט), דורכן שפּאַלט פון דער אַלטער בימה. —

— וואָס־זשע וועט ער איצט אָנהייבן צו טאָן? — האָט זיך ווידער דערהערט אַ שעפּטשען.

— אָט, וואַרט צו אַווײלע, — האָט געענטפערט דער עלטערער.

אונטערן בימה האָט מען אָנגעהויבן שטאַרק צו פּאָרען זיך, די בימה האָט אַפילו זיך אַ וואַקל געטאָן, און אין דעמזעלביקן אויגנבליק איז ערשינען פון אונטער איר אַ פיגור.

דאָס איז געווען אַ יינגל פון אַ יאָר נײַן, אַ ביסל וואוקסיקער פון מיר, אַ דאַרער און אַ דינער ווי אַ ראָרשטענגל. די הענט האָט ער געהאַלטן אין די קעשענעס פון די קורצע און שמאָלע הייזלעך. זיין גאַנצער מלבוש איז אַ חוץ די הייזלעך נאָך באַשטאַנען פון אַ פאַרשמוציקטן העמדל. זיינע טונקעלע, געדיכט געקרייזלטע האָר האָבן זיך געלאָקט איבער די שוואַרצע פאַרטראַכ־טע אויגן.

דער אומבאַקאַנטער, וועלכער איז ערשינען אויף דער סצענע אַזוי אומ־געריכט, האָט זיך גלייך געלאָזט גיין צו מיר מיט יענעם אייגנאַרטיקן עזותדיק־זאָרגלאָזן אויסדרוק אויפן געזיכט, וועלכן מען קען שטענדיק זען ביי

אונזערע מאַרק־ייִנגלעך, ווען זיי קלייבן זיך אָנצוהויבן אַ געשלעג; נאָר ווי איך האָב אים נאָר דערזען, בין איך דאָך געוואָרן אַ סך דרייסטער.

מיין גאַנצער מוט האָט זיך צו מיר אומגעקערט, ווען פון אונטער דערזעלביקער בימה האָט זיך, נאָך דעם ייִנגל, באַוויזן אַ שמוציק פּנימל פון אַ מיידעלע; דאָס פּנימל איז געווען ווי געפּאַסט אין אַ רעמל פון בלאָנדע הער־לעך, און אויף אים האָבן געפינקלט קינדערש נייגעריקע בלויע אויגן, וואָס זיינען געווען געווענדט אויף מיר.

איך האָב זיך עטוואָס אָפּגערוקט פון וואַנט, און, געטריי די ריטערלע־כע מנהגים פון אונזער מאַרק, אויך פאַרלייגט די הענט אין די קעשענעס. דאָס האָט געזאָלט זיין אַ באַווייז, אַז איך האָב פאַר מיין קעגנער קיין ברעקל מורא ניט, און אַפילו אַ געוויסע אָנצוהערעניש אויף מיין פאַראַכטונג צו אים.

מיר זיינען פאַרבליבן שטיין איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן, מעסטנדיק זיך מיט די בליקן. דאָס ייִנגל האָט מיך באַטראַכט פון קאָפּ ביז די פיס און געפרעגט:

— וואָס באַדאַרפסטו דאָ?

— סתם אַזוי, — האָב איך געענטפערט — ס׳איז דיין דאגה?

מיין קעגנער האָט אַ פיר געטאָן מיטן אַקסל, ווי ער וואָלט זיך געקליבן אַרויסנעמען די הענט פון די קעשענעס און אַראָפּלאָזן מיר אַ קלאַפּ.

איך האָב אַפילו מיט אַן אויג ניט אַ פינטל געטאָן.

— איך וועל דיר שוין באַווייזן! — האָט ער אַ סטראַשע געטאָן.

איך האָב זיך אויסגעשטעלט מיט דער ברוסט פאָראויס.

— נו, פּרוב, אדרבא, שלאָג!

דער מאָמענט איז געווען אַ קריטישער. אָן אים האָבן זיך געווענדט די ווייטערדיקע באַציאונגען. איך האָב געוואַרט, נאָר מיין קעגנער האָט מיך נאָכ־אַמאָל אָפּגעמאָסטן מיט זיין בליק און זיך ווייטער ניט גערירט.

— איך, ברודערקע, איך אַליין... אויך...—האָב איך געזאָגט, נאָר שוין אין אַ מער פרידלעכן טאָן.

דערווייל איז דאָס מיידעלע קוים מיט צרות אַרויס פון אונטער דער בימה. זי איז געפאַלן, אויפגעשטאַנען, און צום סוף איז זי מיט ניט זיכערע טריט צוגעגאַנגען צום ייִנגל. זי האָט זיך צו אים פעסט צוגעטוליעט, און זיך איינגעגראָבן אין מיר מיט אַ פאַרוואונדערטן און אַ ביסל צעשראָקענעם בליק.

דאָס האָט באַשלאָסן די זאַך; ס׳איז געוואָרן אינגאַנצן קלאָר, אַז אין אַזאַ לאַגע וועט דאָס ייִנגל זיך ניט קענען שלאָגן, און איך בין, נאַטירלעך, אויך געווען געענונג גרויסמוטיק, ניט אויסצונוצן זיין אומבאַקוועמע לאַגע.

— ווי רופט מען דיך? — האָט געפרעגט דאָס ייִנגל, גלעטנדיק דאָס בלאָנדע קעפּל פון דער מיידעלע.

— וואַסיע. און דו ווער ביסט?

— איך — וואַלעק... איך קען דיך! דו וואוינסט אין סאָד איבערן מיל, ביי אייך איז פאַראַן גרויסע עפּל.

— יאָ, דאָס איז אמת. אונזערע עפּל זיינען גוטע. אפשר ווילסטו?

— איך האָב אַרויסגענומען פון קעשענע צוויי עפּל, וועלכע זיינען געווען אָנגעגרייט אויף פונאַנדערצוצאָלן זיך מיט מיין חייל, וואָס איז אַזוי מיאוס אַנטלאָפן. און איך האָב געגעבן איינעם וואַלעקן, דעם צווייטן דערלאַנגט דער מיידעלע. נאָר זי האָט באַהאַלטן איר פּנימל, טוליענדיק זיך צו וואַלעקן.

— זי האָט מורא, — האָט ער געזאָגט, און אַליין איבערגעגעבן דער מיידעלע דעם עפּל.

— צוליב וואָס ביסטו געקראָכן אַהערצו? בין איך דען ווען געגאַנגען צו אייך אין סאָד? — האָט ער נאָכדעם געפרעגט.

— וואָס איז, קום טאַקע צו גיין! איך וועל זיין גאַנץ צופרידן, — האָב איך געענטפערט.

מיין ענטפער האָט וואַלעקן צעטומלט; ער האָט זיך פאַרטראַכט.

— איך בין דיר קיין חבר ניט, — האָט ער געזאָגט אומעטיק.

— פאַרוואָס? האָב איך געפרעגט, מיטעגמת נפש איבערן אומעט, וואָס האָט זיך געהערט אין זיינע ווערטער.

— דיין פאָטער איז דער הער ריכטער.

— טאָ איז וואָס? — האָב איך זיך אָפנהאַרציק פאַרוואונדערט. — דו וועסט זיך דאָך שפּילן מיט מיר, ניט מיט מיין פאָטער.

וואַלעק האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ.

— טיבורצי וועט ניט דערלאָזן, — האָט ער געזאָגט; און ווי דער נאָמען וואָלט אים עטוואָס דערמאָנט, האָט ער זיך גלייך אַ כאַפּ געטאָן.

— הער, דו ביסט אַ וואויל יאַטל, נאָר בעסער גיי אַוועק. אויב טי־בורצי וועט דיך דאָ טרעפן, וועט זיין שלעכט.

איך בין מודה געווען, אַז מיר איז טאַקע צייט צו גיין. דורך די פענ־סטער פון דער קאַפּליצע זיינען שוין אָפּגעגאַנגען די לעצטע זונשטראַלן, און צו דער שטאָט איז געווען ניט נאָענט.

— ווי־זשע זאָל איך אַרויסגיין פונדאַנען?

— איך וועל דיר ווייזן דעם וועג, מיר וועלן גיין צוזאַמען.

— און זי? — האָב איך אַ וויַיז געטאָן מיטן פינגער אויף אונזער קליי־נינקער דאַמע.

— מאַרוסיע? זי וועט מיטגיין מיט אונז.

— ווי, דורכן פענסטער?

וואַלעק האָט זיך פאַרטראַכט.

— ווייסטו וואָס: איך וועל דיר העלפן אַרויסגיין דורכן פענסטער, און מיר אַליין וועלן אַרויס מיט אַן אַנדער וועג.

מיט מיין נייעם חברס הילף, האָב איך דערגרייכט דעם פענסטער, איך האָב געפונען דעם רימען, דורכגעצויגן דורכן ראַם, און באַלד געבליבן הענגען אין דרויסן אין דער לופטן, האַלטנדיק זיך פאַר ביידע עקן רימען. דערנאָך

האָב איך אַרויסגעלאָזן איין עק, און אַראָפּגעשפּרונגען, מימשלעפּנדיק דעם רימען. וואַלעק און מאַרוסיע האָבן שוין געוואַרט אין דרויסן ביי דער וואַנט.

די זון האָט ניט לאַנג אַראָפּגענידערט הינטערן באַרג. די שטאָט האָט זיך פאַרהילט אין וויאָלעטן נעפּל, און נאָר די שפּיצן פון די הויכע טאָפּאָלן אויפן אינזל האָבן זיך בולט אויסגעטיילט מיטן רויטן גאָלד, באַפאַרבענע דורך די לעצטע זונשטראַלן. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז זינט איך בין געקומען אַהערצו אויפן אַלטן בית־עולם, איז דורכגעגאַנגען אַמווייניקסטן אַ מעת־לעת.

— ווי גוט! האָב איך אויסגעשריען, אַ פאַרכאַפּטער פון דער פאַרנאַכטיקער פרישקייט, און איך האָב מיט דער פולער ברוסט געעטעמט די פייכטלעכע קילקייט.

— ס'איז אומעטיק — האָט וואַלעק אַ פאַראומערטער אַרויסגערעדט.

— איר וואוינט שטענדיק דאָ? האָב איך געפרעגט, ווען מיר האָבן זאַלבעדריט זיך גענומען אַראָפּגעלאָזן פון באַרג.

— דאָ.

— וואו־זשע איז אייער שטוב?

איך האָב זיך ניט געקענט פאָרשטעלן, אַז אַזעלכע קינדער ווי איך, זאָלן זיין אָן אַ שטוב.

וואַליעק האָט אומעטיק אַ שמייכל געטאָן און ניט געענטפערט.

מיר האָבן אויסגעמיטן דעם שטילן אָפּהאַנג ווייל וואַלעק האָט געוואוסט אַ באַקוועמערן וועג. מיר זיינען דורכגעגאַנגען דורכן אַאיר איבערן אויסגעטריקנטן זומפּ, זיינען איבער דינינקע ברעטעלעך אַריבער אַ קוועלכל, און זיינען אַרויסגעקומען אויפן פליין, צופוסנס פון באַרג.

דאָ האָט מען זיך געדאַרפט צעשיידן. איך האָב געדריקט די האַנט מיין נייעם באַקאַנטן, און אויך דער מיידעלע אויסגעשטרעקט די האַנט. זי האָט מיר ליבלעך דערלאַנגט איר פּיצינק הענטל, און, קוקנדיק פון אונטן אַרויף מיט די בלויע אייגלעך, האָט זי געפרעגט:

— דו וועסט נאָך קומען צו אונז?

— יאָ — האָב איך געענטפערט — איך וועל געוויס קומען.

— נו, מילא, האָט וואַלעק געזאָגט פאַרטראַכט, קום טאַקע. נאָר אין אַזאַ צייט, ווען אונזערע וועלן זיין אין שטאָט.

— ווער זיינען דאָס „אייערע"?

— אָט אונזערע... אַלע... טיבורצי... לאַווראָווסקי... פּראָפעסאָר...

— גוט, איך וועל אַכטונג געבן, און בשעת זיי וועלן זיין אין שטאָט, וועל איך קומען. און דערווייל אַ גוטן!

— הע, הער נאָר!— האָט וואַלעק מיך אַ רוף געטאָן, ווען איך בין שוין אָפּגעגאַנגען עטלעכע טריט: —

— און דו וועסט ניט פּלוידערן וועגן דעם, אַז דו ביסט ביי אונז געווען?

— קיינעם וועל איך ניט זאָגן, — האָב איך פעסט געענטפערט.

— נו, אַזוי איז גוט! און דיינע טיפּשים דאָרטן, די ייִנגלעך, ווען זיי וועלן נעמען צושטיין, זאָג אַז דו האָסט געזען אַ שד.

— רעכט, איך וועל זאָגן.

— נו, אַ גוטן!

— זיי, געזונט!

געדיכטע בין־השמשותדיקע שאָטנס זיינען שוין אויסגעלייגט געווען איבערן שטעטל, ווען איך האָב זיך דערגעענטערט צום פּאַרקן פון אונזער סאָד. איבערן שלאָס האָט זיך געצייכנט אַ דינער לבנה־האָרן, עס האָבן זיך אָנגעצונדן די שטערן. איך האָב זיך שוין געקליבן אויפהויבן זיך אויפן פּאַרקן, ווי עמיצער האָט מיך אָנגעכאַפּט פאַרן האַנט.

וואַסיע, ברודער! האָט אויפגערעגט אָנגעהויבן צו שעפּטשען מיין אַנט־לאָפענער חבר, — ווי־זשע פאָרט ביסטו?.. האַרציקער מיינער!..

— אָט, ווי דו זעסט!.. און איר אַלע האָט מיך אַוועקגעוואָרפן!...

— ער האָט זיך פאַרשעמט. נאָר די נייגעריקייט האָט פאָרט גובר געווען דאָס געפיל פון שאַנדע; ער האָט ווידער געפרעגט:

— וואָס אָבער איז דאָרטן געווען?

— וואָס? — האָב איך געענטפערט מיט אַ טאָן, וואָס דערלאָזט ניט קיין ספקות: — פאַרשטייט זיך, שדים! און איר פּחדנים...

און אָפּפטרנדיק מיין פאַרשעמטן חבר, בין איך זיך אַרויפגעקלעטערט אויפן פּאַרקאַן.

אין אַ פערטל שעה אַרום בין איך שוין געשלאָפן מיין געשמאַקן שלאָף.

די באַקאַנטשאַפט ציט זיך ווייטער.

פון דעמאָלט אָן האָב איך זיך מיט לייב און לעבן אָפּגעגעבן מיין נייער באַקאַנטשאַפט. אינאָווענט פלעג איך זיך לייגן אין בעט און אינדערפרי אויפשטיין נאָר מיטן געדאַנק וועגן דעם פאַרשטייענדיקן באַזוך אויפן באַרג.

איבער די שטאָט־גאַסן פלעג איך זיך אַרומדרייען מיט איין איינציקן ציל, דערגיין, צי עס זיינען דאָרט פאַראַן פאַן טיבורצי און זיין קאָמפּאַניע,— יענע מאָדנע פאַרשוינען, וועמען דער אַלטער שלאָס־פאַרוואַלטער, יאַנוש, האָט באַצייכנט אַלס אַ „שלעכטע געזעלשאַפט“, און וועלכע פלעגן זיך אין די פרי־מאָרגנס באַווייזן אין שטאָט און יעדן אָוונט שפורלאָז פאַרשווינדן. איצט האָב איך שוין געוואוסט, וועמען וואַלעק האָט געהאַט אין זינען אונטערן וואָרט „אונזערע“, און, ווען איך פלעג באַמערקן, אַז דידאָזיקע פאַרדעכטיקע פאַרשוי־נען שנאָרן אַרום איבערן מאַרק, פלעג איך זיך גלייך אַוועקלאָזן דורכן זומפּ אויפן באַרג, צו דער קאַפּליצע; מיינע קעשענעס פלעגן שוין לכתחילה ביי דעם זיין פול מיט עפּל, וועלכע איך האָב געקאָנט רייסן ביי אונז אין סאָד, וויפל מיין האַרץ האָט געלוסט, און מיט אַנדערע נאַשערייען, וועלכע איך פלעג אַלע מאָל אָפּשפּאָרן פאַר מיינע נייע באַקאַנטע.

וואַלעק, אין אַלגעמיין זייער אַ געזעצטער, מיט געגנג פון אַ דערוואַק־

סענעם מענטשן, פלעגט צונעמען די מתנות גאַנץ געלאַסן, און פלעגט דאָס רוב אָפּלייגן פון זיין חלק פאַר דער שוועסטערל; די קליינינקע מאַרוסיע פלעגט איטלעך מאָל אַ דערפרייטע אַ פּאַטש טאָן מיט די הענטלעך, און אירע אייגלעך פלעגן זיך אָנצינדן מיט אַ פייערל פון דער טיפסטער אַנטציקונג; דער מיידלס בלייך געזיכט פלעגט זיך פאַררויטלען, זי פלעגט זיך צעלאַכן, און דער געלעכטער פון אונזער קליינינקער פריינדין פלעגט אָפּקלינגען אין אונזערע הערצער און דאָס איז בײַ אונז געווען דער בעסטער שכר דערפאַר, וואָס מיר פלעגן זיך אָפּזאָגן צוליב איר פון קאָנפעטן.

זי איז געווען אַ בלייך פּיצל נפש, געגליכן צו אַ בלום, וואָס איז געוואַקסן אָן זונענשיין. געגאַנגען איז זי נאָך, ניט געקוקט אויף אירע פיר יאָר, גאָר שלעכט. אומזיכער פלעגט זי טרעטן מיט אירע קרומע פיסלעך און זיך וואַקלען ווי אַ גרעזל; די הענט אירע זיינען געווען דין און דורכזיכטיק; איר קעפל האָט זיך געוויגט אויפן דינעם האַלז, פּונקט ווי דאָס פעלדגלעקל אויף זיין שטענגעלע; איר בליק אָבער פלעגט אָפטמאָל זיין גאָר ניט קינדערש אומעטיק און איר שמייכל פלעגט מיר אינגאַנצן דערמאָנען מיין מוטער אין די לעצטע טעג פון איר לעבן, ווען זי פלעגט זיצן ביים אָפענעם פענסטער, און דער ווינט פלעגט לייכט באַרירן אירע בלאָנדע האָר; יעדער מאָל, ווען איך פלעג טאָן אַ קוק אויף איר קינדערש פּנימל, פלעגט זיך אין מיר וועקן אַן טרויער און איך פלעג פילן, אַז אָט-אָט וויין איך זיך שיעור ניט פונאַנדער.

גאַנץ נאַטירלעך פלעג איך פירן אַ פאַרגלייך צווישן איר און מיין שוועסטער; זיי זיינען געווען פון איין עלטער, נאָר מיין שוועסטער אין געווען קיילעכדיק ווי אַ פּאָנטשיק, עלאַסטיש ווי אַ פּילקע. ווען זי פלעגט זיך צעשפּילן, פלעגט זי אַזוי לעבעדיק אַרומלויפן, אַזוי הילכיק לאַכן, שטענדיק פלעגט זי טראָגן אַזעלכע שיינינקע קליידעלעך, און אין אירע צעפּלעך פלעגט די שטוב-מיידל איינפלעכטן אַ רויטע סטענגע.

און מיין קליינינקע חברטע פלעגט כמעט קיינמאָל ניט אַרומלויפן, און לאַכן—זייער זעלטן; פלעגט זי זיך ווען יאָ צעלאַכן, פלעגט איר געלעכטער קלינגען, אָט ווי דאָס סאַמע קלענסטע זילבערנער גלעקעלע, וואָס מען הערט שוין ניט פאַר צען טריט. אירע קליידער זיינען געווען אַלט און שמוציק, אין צעפּל זיינען ניט געווען קיין סטענגעס, די האָר אָבער זיינען געווען שענער און לענגער, ווי ביי סאָניען, און וואַליעק איז, צו מיין וואונדער, געווען אַ גרויסער בריה צו פאַרפלעכטן זיי, און ער פלעגט דאָס טאַקע טאָן יעדן פרימאָרגן.

אין אַ שלעכטער געזעלשאַפט.

צווישן גרויע שטיינער.

עטלעכע טעג זיינען אַוועק. טיבורציע און זיין עולם האָבן זיך אין שטאָט ניט געזען; איך האָב זיך אַרומגעדרייט פּוסט־און־פּאַס איבער די גאַסן און געלאַנגווייליקט, וואַרטנדיק מיט אומגעדולד, זיי זאָלן זיך ווייזן אין שטאָט, כּדי איך זאָל קענען לויפן אויפן באַרג. איך האָב זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך וואַלעקן מיט מאַרוסיען, זיי האָבן מיר שוין שטאַרק געפעלט. און אָט, ווען איך בין אַמאָל געגאַנגען מיט אַן אַראָפּגעלאָזענעם קאָפּ דורך דער שטויביקער גאַס, האָב איך פּלוצלונג דערפילט אַ האַנט אויף מיין אַקסל: דאָס איז געווען וואַלעק.

— פאַרוואָס קומסטו מער ניט צו אונז? — האָט ער געפרעגט.

— איך האָב מורא געהאַט... מ׳זעט אייערע ניט אין שטאָט.

— אַ — אַ! איך האָב זיך ניט געכאַפּט דיר אָנצוזאָגן — אונזערע זיינען ניטאָ הי — קום צו גיין... און איך האָב דאָס פאַרשטאַנען גאָר אַנדערש... איך האָב געמיינט דיר איז נמאס געוואָרן.

— ניין, וואָס רעדסטו! גלייך לויף איך, — האָב איך זיך גענומען איילן, — אַפילו עפּל האָב איך שוין אויך מיט זיך.

בשעת איך האָב דערמאָנט וועגן די עפּל, האָט וואַלעק זיך געשווינד אַ קער געטאָן צו מיר, ווי ער וואָלט זיך קלייבן וואָס זאָגן; געזאָגט אָבער האָט ער קיין וואָרט ניט און האָט אויף מיר נאָר עפּעס מאָדנע אַ קוק געטאָן.

— ניין, גאָרנישט! — האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווען ער האָט באַמערקט, אַז איך וואַרט אָנגעשטרענגט, וואָס וועט ער זאָגן. — גיי גלייך אויפן באַרג, איך דאַרף זיך נאָך וואו אַריינכאַפּן... איך האָב אַ שטיקל עסק. איך וועל דיר אָניאָגן אויפן וועג.

איך בין זיך געגאַנגען פּאַמעלע, און אָפּט זיך אומגעקוקט, וואַרטנדיק, וואַליעק זאָל מיך אָניאָגן. נאָר איך האָב באַוויזן אַרויפצוקריכן אויפן באַרג און דערגיין צו דער קאַפּליצע, און וואַליעק האָט זיך נאָך ניט געזען און ניט געהערט. איך בין געבליבן שטיין אין פאַרלעגנהייט. אויפן וויסטן און שטילן בית־עלמין איז ניט געווען קיין שום זכר פון וועלכער ניט איז וואוינונג. נאָר שפּערלעך האָבן פריי אַרומגעטשירקעט, און געדיכטע קוסטעס פון מאַי, בעז און ווערלפּישע יאַגדעס האָבן זיך געטוליעט צו דער דרומדיקער וואַנט פון קאַפּ־ליצע מיט זייער טונקעלע געדיכט צעוואַקסענע בלעטער, האָבן זיך שטיל גע־סודעט וועגן עפּעס.

איך האָב זיך אומגעקוקט. וואוהין־זשע זאָל איך איצט גיין? אַפּנים, איך וועל מוזן וואַרטן אויף וואַלעקן. כּדי דורכצושטופּן ווי עס איז די צייט, האָב איך דערווייל אָנגעהויבן אַרומגיין צווישן די קברים, באַטראַכטן זיי און ליי־ענען די אָפּגעווישטע אויפשריפטן אויף די מיט מאָך באַוואַקסענע קברים־שטיינער. איך האָב זיך אַזוי געבלאָנקעט צווישן די קברים, ביז איך האָב זיך אָנגעשטויסן אויף אַ האַלב־צעשטערטן געראַמען קבר־סקלעפּ. זיין דאַך האָט זיך געוואַלגערט דערביי אָן אַ זייט; קאָנטיק, ער איז געוואָרן אַראָפּגעריסן דורך אַ געוויטער. די טיר איז געווען פאַרשלאָגן. פון נייגעריקייט האָב איך צוגע־שטעלט צו דער וואַנט אַן אַלטן צלם, אַרויפגעקלעטערט און אַריינגעקוקט אינעווייניק. דער סקלעפּ איז געווען פוסט, נאָר אינמיטן דער דיל איז געווען איינגעמויערט אַ שטיינערנע ראָם מיט שויבן, און דורך די שויבן האָט גע־שוואַרצט דער פינסטערער חלל פון אַן אונטערערדישער הייל.

איך האָב נאָך געהאַלטן אין באַטראַכטן אויפמערקזאַם דעם סקלעפּ. מיר איז געווען קשה, צו וואָס איז דאָ נייטיק דאָס פענסטער, — ערשט וואַלעק איז אַ מידער און פאַרסאָפּעטער אַרויפגעלאָפן אויפן באַרג. אין די הענט האָט ער געהאַלטן אַ גרויסע יידישע חלה, דער בוזים איז מיט וואָס געווען אָנגע־פּאַקט. טראָפּנס שווייס זיינען געראָנען איבער זיין געזיכט.

— אַהאַ! — האָט ער אויסגערופן, באַמערקנדיק מיך: — אָט וואו דו ביסט גאָר! טיבורצי וואָלט דיך דאָ געדאַרפט זען, אַי וואָלט ער געכעסט! נאָר מילא, עס איז דאָך שוין פאַרפאַלן... איך ווייס, דו ביסט אַ וואויל יאַטל און וועסט קיינעם גיט דערציילן פון אונז. קום שוין אַריין.

— וואוהין? וואו איז דאָס, ווייט? — האָב איך געפרעגט.
— אַט וועסט שוין זען. גיי נאָך מיר.
— ער האָט פונאַנדערגערוקט די קוסטעס מאַי און וועלפּישע יאַגדעס און איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין גרינס אונטער דער וואַנט פון דער קאַפּליצע. איך בין געגאַנגען נאָך אים, און מיר זיינען אַרויס אויף אַ קליין פּעסט איינגעטאָפּטשעטע שטיקל פרייען פּלאַץ, איינגאַנצן אַ פאַרבאָרגענעם אין גרינס. צווישן די שטאַמען פון בעז האָב איך באַמערקט אין דער ערד אַ גאַנץ היפּשע עפּענונג מיט ערדענע טרעפּ אויף אַראָפּצו. וואַלעק איז אַהין אַראָפּ און איך נאָך אים, און אין אַ פּאָר רגעס אַרום האָט אונז שוין אַרומגענומען אַן אונטערערדישער חושך. וואַלעק האָט מיך אָנגענומען פאַר אַ האַנט און געפירט דורך עפּעס אַ שמאָלן און פייכטן דורכגאַנג; מיר האָבן זיך מיטאַמאָל אָפּגעקערט אויף רעכטס און זיינען אַריין אין אַ געראַמער הייל.
איך בין געבליבן שטיין ביים אַריינגאַנג, ערשטווינט פון דעם נייעם בילד. צוויי שטראָמען ליכט האָבן זיך געגאָסן פון אויבן און מיט צוויי פּאַסן העל געשטרייפט דעם פינסטערן חלל פון הייל; דאָס ליכט איז געגאַנגען דורך צוויי פענסטער; איינס, — דאָס וואָס איך האָב נאָר וואָס געזען אין דיל פון סקלעפּ, און אַ צווייטס — עטוואָס ווייטער, קאָנטיק אַדורכגעהאַקטע שפּעטער; דער שיין איז געווען אַן אייגנאַרטיקער: די זונשטראַלן זיינען אַהערצו ניט אַריינגעדרונגען גלייך, נאָר זיי פלעגן זיך אָפּשפּיגלען פון די ווענט פון די אַלטע קברימשטיבלעך. די ווענט זיינען געווען צונויפגעלייגט פון גרויען שטיין. גרויסע דיקע שטיינערנע זיילן האָבן זיך מאַסיוו געהויבן פון אונטן, פונאַנדערגעוואָרפן אין אַלע זייטן שטיינערנע דוהעס און צונויפגעשלאָסן זיך אין דער הויך אין דעם פאַרקיילעכדיקטן באַלקן. אין די באַלויכטענע ערטער אויפן דיל האָבן זיך געזען צוויי פיגורן. איינע פון זיי איז געווען אַן אַלטער מאַן, וועלכער איז געווען באַוואוסט אין שטאָט מיט דער צונעמעניש „פּראָפעסאָר“, — איינער פון דער קאָמפּאַניע פאַרטריבענע פון שלאָס. ער איז געזעסן מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, און אונטערבר̆ומענדיק עפּעס פאַר זיך, האָט ער מיט אַ נאָדל זיך געפּאָרעט אין זיינע שמאַטעס. ער האָט אפילו ניט אויפגעהויבן דעם קאָפּ, בשעת מיר זיינען אַריין אין הייל, און ווען ניט זיין לייכטע באַוועגונג מיט דער האַנט, וואָלט מען אים געקאָנט אָננעמען פאַר אַ פאַנטאַסטישע פיגור פון שטיין. אונטער דעם צווייטן פענסטער איז געזעסן מאַרוסיע מיט אַ הייפל בלימעלעך און זיי שטיל איבערגעקליבן, לויט איר שטייגער. דער שטראָם ליכט האָט זיך געגאָסן אויף איר בלאָנד קעפּל און האָט זי איינגאַנצן באַלויכטן, דאָך האָט זי אויפן פאָן פון גרויען שטיין אויסגעזען מערניט ווי אַ קליינער בלאַסער נעפּלדיקער פלעק, און עס האָט זיך געדוכט, אַז אָט אָט דאַרף זי צעשוואומען ווערן און פאַרשווינדן.
—וואַלעק!—האָט מאַרוסיע זיך שטיל דערפרייט, דערזעענדיק דעם ברודער.
ווען זי האָט מיך אָבער דערזען, האָט ביי איר אין די אויגן דורכגעבליצט אַ שוואַכער פונק. איך האָב איר אָפּגעגעבן די עפּל, וואָס איך האָב

געהאַט מיט זיך, און וואַלעק האָט פונאַנדערגעבראָכן די חלה, אַ שטיקל איר אָפּגעגעבן, די רעשט צוגעטראָגן דעם פּראָפעסאָר. איך האָב געקוקט אויף מאַרוסיען און אויפן זינען זיינען מיר געקומען וואַלעקס ווערטער, אַז דער גרויער שטיין זויגט אויס פון איר איר לוסטיקייט. ווען דאָרט אויבן אינדערהויך פלעגן איבערן הימל דורכשווימען וואָלקנס און אַרויפוואַרפן אַ שאָטן אויף דער ערד, פלעגן די ווענט פון דער הייל אינגאַנצן איינגעזונקען ווערן אין חושך, גלייך זיי וואָלטן זיך פונאַנדעררוקן און ערגעץ אַוועקגיין, און שפּעטער פונדאָסניי קומען און באַווייזן זייערע קאַלטע שטיינער, און פעסט צונויפשליסן זייערע מויערנע אָרימס איבער דעם פּיצל פיגור פון דעם בלייכן קינד. און עפּעס ווי אַן אָבערגלויבערישע אימה האָט זיך פאַרגנבעט צו מיר אין האַרצן אַריין. מיר האָט זיך אויסגעדוכט, אַז איך שפּיר אויף זיך און אויף איר אַ אומזיכטבאַרן נאָר אַ שוידערהאַפטן שטיינערנעם בליק, אַ גיריקן און אַן איינגעשפּאַרטן.

— לאָמיר גיין... לאָמיר אַוועק פון דאַנען, — האָב איך אַ צופּ געגעבן וואַלעקן, — פיר זי אַרויס.

— קום, מאַרוסיע, אינדערהויך,—האָט וואַלעק אַ רוף געטאָן די שוועסטער.

מיר זיינען זאַלבעדריט אַרויס פון הייל. וואַליעק איז געווען שטילער און טרויעריקער ווי שטענדיק.

— דאָס ביסטו געבליבן אין שטאָט, כדי צו קויפן חלה? — האָב איך ביי אים געפרעגט.

— קויפן? — האָט וואַלעק אַ שמייכל געטאָן — פונוואַנען־זשע האָב איך געלט?

— טאָ ווי דען־זשע!... האָסט אויסגעבעטלט!

— יאָ, ווער־זשע זיך אָנבעטלען!... עס זיינען ניטאָ די געבער! ניין, ברודער, איך האָב פּשוט אויפן מאַרק צוגעצויגן פון שרה דער הענדלערקעס קאָשיק. זי האָט ניט באַמערקט...

— ער האָט דאָס אַרויסגערעדט מיט זיין געוויינלעכן טאָן, ליגנדיק אויסגעצויגן און האַלטנדיק די הענט פאַרלייגט אונטערן קאָפּ. איך האָב זיך אויפגעהויבן אויפן איילנבויגן און זיך איינגעקוקט אין אים.

— דו האָסט, הייסט דאָס, געגנבעט?

— נו, יאָ!

איך האָב זיך ווידער אויסגעצויגן אויפן גראָז! ביי אַ מינוט האָבן מיר ביידע געשוויגן.

— גנבענען איז מיאוס, — האָב איך נאָכדעם אומעטיק און פאַרקלערט אַרויסגערעדט.

— אונזערע זיינען אַלע אַוועק... מאַרוסיע האָט געוויינט, זי איז געווען הונגעריק.

—יאָ!... הונגעריק! האָט פאַרוואונדערט און תמימותדיק צוגעשטימט מאַרוסיע.

איך האָב נאָך ניט געוואוסט, וואָס איז אַזוינס הונגער, נאָר ביי מאַרוסיעס לעצטע ווערטער האָט זיך עפּעס איבערגעקערט ביי מיר אין האַרצן.

איך האָב אַ קוק געגעבן אויף מיינע פריינד, ווי איך וואָלט זיי ערשט איצט דערזען. וואַליעק איז ווי פריער געלעגן אויפן גראָז און האָט מיט זיין בליק נאָכגעפאָלגט אַ שפּאַרבער, וועלכער האָט זיך געטראָגן אין דער הויך, — איצט האָב איך שוין ניט געהאַט פאַר אים דעם פריערדיקן אומבאַגרעניצטן דרך־ארץ, און ווען איך האָב אַ בליק געגעבן אויף מאַרוסיען מיט דער שטיקל חלה איןביידע הענט, האָט מיר פּשוט פאַרקוועטשט דאָס האַרץ.

— פאַרוואָס־זשע, — האָב איך זיך אָנגעשטרענגט צו פרעגן, — פאַר־וואָס האָסטו מיר וועגן דעם גאָרניט געזאָגט?

— איך האָב געוועסט געוואָלט זאָגן, און חרטה געהאַט: האָסט דאָך אויך ניט קיין אייגענע געלט.

— און אויב ניט, איז וואָס? איך וואָלט גענומען אַ ברויטל פון שטוב.

— שטילינקערהייט?

— יאָ — אָ.

— הייסט דאָס, דו וואָלסט אויך געגנבעט...

— איך... ביי מיין טאַטן.

— דאָס איז נאָך ערגער, — האָט וואַליעק ערקלערט מיט זיכערקייט — איך גנבע קיינמאָל ניט ביי מיין אייגענעם פאָטער.

— נו, וואָלט איך אַזוי געבעטן... מען וואָלט מיר געבן...

— און אַז מען וואָלט שוין געבן איין מאָל... ווער קען זיך דאָס אָנ־נעמען צו באַזאָרגן תמיד אַלע שלעפּערס?...

— און איר זייט דען... שלעפּערס? האָב איך געפרעגט מיט אַ געפאַלענער שטימע.

— שלעפּערס! האָט וואַליעק אַ פינסטערער אָפּגעשניטן.

איך בין אַנטשוויגן געוואָרן און אין אַ ווײַלע אַרום גענומען זיך זעגענען.

— גייסט שוין אַוועק? — האָט וואַליעק געפרעגט.

— יאָ, איך גיי אַוועק.

איך בין אַוועקגעגאַנגען, ווייל איך האָב אין יענעם טאָג שוין ניט געקאָנט זיך שפּילן מיט מיינע חברים אַזוי, ווי פריער. די ריינע קינדערשע צוגעבונ־דענקייט איז ווי פאַרמוטנעט געוואָרן; מיין ליבע צו וואַלעקן און מאַרוסיען איז אַפילו ניט אָפּגעשוואַכט געוואָרן, נאָר דאָך האָט זיך צום פריערדיקן געפיל צוגעמישט אַ שאַרפער רחמנות, וואָס האָט געשניטן און געברענט דאָס האַרץ. אינדערהיים האָב איך זיך פרי געלייגט שלאָפן. איך האָב זיך איינגעגנורעט אין קישן און ביטער געוויינט; און נאָר אונטער די פליגלען פון דעם טרייסטנדיקן שלאָף האָב איך פאַרגעסן אָן מיין נייעם שווערן און ביטערן צער.

אויפן סצענע ערשיינט פאַן טיבורצי.

— אַ גוט מאָרגן! און איך האָב געמיינט, אַז דו וועסט צו אונז שוין מער ניט קומען, — אַזוי האָט מיך באַגעגנט וואַליעק, ווען איך בין צומאָרגנס ווידער געקומען אויפן באַרג.

איך האָב געוואוסט, פֿאַרוואָס ער זאָגט דאָס.

— ניין, איך... איך וועל אַלעמאָל גיין צו אייך, — האָב איך געמאָלדן אַנטשלאָסן, כּדי איינמאָל פֿאַר אַלע מאָל מאַכן אַ סוף צו אָט דער פֿראַגע.

אויף וואַליעקן איז געווען צו דערקענען, אַז ער איז באַדייטנד פֿריילעכער געוואָרן. מיר האָבן זיך ביידע דערפֿילט פֿרייער, און באַלד גענומען מייסטרעווען אַ קונציקע פּאַסטקע פֿאַר שפּערלען. איך האָב מיטגעבראַכט פּאָדים; דעם פּאָדים האָבן מיר אָפּגעגעבן מאַרוסיען, און ווען אַ אומפֿאָרזיכטיקער שפּערל פֿלעגט זיך לאָזן נאַרן און זאָרגלאָז אַריינשפּרינגען נאָך די קערלעך אין פּאַסטקע, פֿלעגט מאַרוסיע אַ ציי טאָן דעם פּאָדים: די פּאַסטקע פֿלעגט זיך צומאַכן און פֿאַרשליסן דאָס פֿויגעלע, און מיר פֿלעגן עס גלייך ווידער אַרויסלאָזן אויף דער פֿריי.

צום האַלבן טאָג האָט זיך דער הימל דערוויילע אָנגעבּרוגזט. עס האָט זיך אָנגערוקט אַ פֿינסטערער וואָלקן, און באַלד האָט ביים קנאַלן פֿון דעם דונער גענומען רוישן דער רעגן. לכתּחילה האָב איך קיין חשק ניט געהאַט אַראָפּצולאָזן זיך אין הייל אַריין, נאָר ווען איך האָב זיך דערמאָנט, אַז וואַליעק מיט מאַרוסיען לעבן דאָרטן שטענדיק, האָב איך זיך גובר געווען און האָב זיך אַראָפּגעלאָזן צוזאַמען מיט זיי אונטער דער ערד. אין הייל איז געווען פֿינסטער און שטיל; עס האָט זיך געהערט ווי אויבן האָט הילכיק און רעשדיק נעקנאַלט דאָס געוויטער, גלייך ווי עמיצער וואָלט זיך אין אַ ריזיקן וואָגן געטראָגן איבערן ברוק. אין עטלעכע מינוט אַרום האָב איך זיך צוגעוווינט צו דער הייל, און מיר האָבן זיך פֿריילעך אײַנגעהאָרכט, ווי די ערד נעמט אויף די ברייטע שטראָמען פֿון שלאַקס-רעגן; דער רעש, פּלעשטשעריי און אָפֿטער דונער-קנאַלן האָבן געררייצט אונזערע נערוון, און געוועקט אַ פֿאַרלאַנג עפּעס טאָן, אויסלאָדן די ענערגיע.

— קומט, לאָמיר גאָר שפּילן אין זשמורקעס — האָב איך פֿאָרגעלייגט.

מען האָט מיר פֿאַרבונדן די אויגן; מאַרוסיעס געלעכטער האָט זיך געגאָסן מיט זיין שוואַכינקן קלאַנג, און אירע ניט פֿלינקע טריט האָבן אָפּגעהילכט אויפֿן שטיינערנעם דיל. איך האָב זי אַ צייט געיאָגט, ווי איך וואָלט כּלומרשט ניט קאָנען זי כאַפּן, — ווי מיטאַמאָל האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויף עמיצנס אַ נאַסע פֿיגור, און אין דעמזעלבן אויגנבליק האָב איך דערפֿילט, ווי עמיץ האָט מיך אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר אַ פֿוס. אַ שטאַרקע האַנט האָט מיך אויפֿגעהויבן פֿון דער פּאָדלאָגע, און איך בין געבליבן הענגען אינדערלופֿטן מיטן קאָפּ אַראָפּ· דאָס טיכל פֿון מיינע אויגן איז אַראָפּגעפֿאַלן.

טיבורצי, אַ נאַסער און אַ צאָרנדיקער, נאָך אימהדיקער צוליב דעם, וואָס איך האָב אויף אים געקוקט פֿון אונטן אַרויף, האָט מיך געהאַלטן פֿאַר אַ פֿוס און ווילד געגלאָצט מיט די אויגן.

— וואָס איז דאָס? אַ? — האָט ער שטרענג געפֿרעגט ביי וואַליעקן. — איר פֿאַרברענגט דאָ, זע איך, די צייט גאַנץ לוסטיק... — זיך אײַנגעשאַפֿט אַן אָנגענעמע קאָמפּאַניע.

— לאָזט אָפּ! — האָב איך געכריפּעט, אַליין איבערראַשט — וואָס איך קען

נאָך, אין אַזאַ משונהדיקער לאַגע, ריידן; נאָר פאַן טיבורציס האַנט האָט נאָך פעסטער צוגנויפגעדריקט מיין פוס.

— רייד־ושע — האָט ער ביין געפאָדערט ביי וואַליעקן. וואַליעק אָבער איז אין דעמדאָזיקן שווערן מאָמענט געשטאַנען מיט צוויי פינגער פאַרלייגט אין מויל, אַ ראַיה, אַז ער האָט ניט וואָס צו זאָגן. איך האָב נאָר באַמערקט, אַז ער האָט מיט גרויס מיטגעפיל באַגלייט מיין אומגליקלעכע פיגור, וואָס האָט זיך געוויגט אינדערלופטן ווי אַן אומרו. פאַן טיבורצי האָט מיך אַ הויב געטאָן און זיך איינגעקוקט אין פנים.

— ע—הע—הע! הער ריכטער, אויב איך האָב קיין טעות ניט... פונוואַנען האָבן מיר דאָס די זכיה, איר זאָלט אונז באַזוכן?

— לאָז אָפּ! האָב איך געפאָדערט איינגעשפאַרט — גלייך לאָז אָפּ! דערביי האָב איך אין דער לופטן געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, ווי איך וואָלט זיך געקליבן מיטן פוס אַ טאָפּע צו טאָן, נאָר דערפון האָט מיין קערפּער זיך נאָר געגומען וואַרפן אין דער לופטן.

טיבורצי האָט זיך צעלאַכט.

— אָהאָ־האָ, הער ריכטער, זיי זיינען אין כעס... נו, דו קענסט מיך נאָך ניט:—איך בין זיבורצי. אָט וועל איך דיך אויפהענגען איבערן פייערל און אויסבראָטן ווי אַ חזירל.

וואַליעקס פאַרצווייפלט אויסזען האָט ווי באַשטעטיקט די מעגלעכקייט פון אַזאַ אויסוועג. צום גליק, האָט מאַרוסיע זיך צוגעאַיילט מיך אויסצולייזן.

— האָב קיין מורא ניט, וואַסיאַ, שרעק זיך ניט, — האָט זי מיך גע־מוטיקט, צוגייענדיק צו טיבורצין צו די פיס. — ער בראָט קיינמאָל ניט קיין יינגלעך אויפן פייער... דאָס איז ניט אמת.

מיט אַ שנעלער באַוועגונג האָט טיבורצי מיך איבערגעקערט און אַוועק־געשטעלט אויף די פיס; דערביי בין איך שיר ניט געפאַלן, — ביי מיר האָט זיך פאַרדרייט דער קאָפּ, — נאָר ער האָט מיך צוגעהאַלטן מיט דער האַנט, און אַוועקזעצנדיק זיך אויף אַ הילצערנעם קלאָץ, האָט ער מיך אַוועקגעשטעלט צווישן זיינע קניי

— ווי־זשע ביסטו פאָרט אַהער אַריינגעפאַלי? — האָט ער ווידער גע־נומען פונאַנדערפרעגן. — אַ צייט שוין?... רייד דו! — האָט ער זיך געווענדט צו וואַליעקן, אַזוי ווי איך האָב גאָרניט געענטפערט.

— שוין אַ צייט.

— ווי לאַנג?

— אַ טאָג צען.

— אָ־האָ! צען טעג! האָט ער זיך פאַרוואונדערט און מיך אומגעקערט מיטן געזיכט צו אים. — צען טעג איז אַ היפּש ביסל צייט. און דו האָסט נאָך פאַר קיינעם ניט אויסגעפּלאַפּלט וועגן דעם, וואוהין דו גייסט!

— ניין!

— זיכער?

— יאָ.

— פיין! קען מען זיך אויף דיר פאַרלאָזן, אַז דו וועסט אויף ווייטער אויך ניט פּלוידערן? איבעריקנס, איך האָב דיך אַלעמאָל געהאַלטן פאַר אַן אָנשטענדיקן יינגל, ווען איך פלעג דיך טרעפן אויף די גאַסן. אַן אמתער גאַסן־יינגל, כאָטש אַ ריכטער. און אונז וועסטו משפּטן? זאָג אָקאָרשט!

כאָטש ער האָט שוין גערעדט גאַנץ גוטמוטיק, האָב איך זיך דאָך געפילט טיף באַליידיקט און דעריבער אָפּגעענטפערט גאַנץ כּעסדיק:

— איך בין גאָרניט קיין ריכטער. איך בין וואַסיע.

— נו, ס׳איז איינס צו דאָס אַנדערע גאָרניט שייך; וואַסיע קען זיך אויך זיין אַ ריכטער, ניט איצט, איז שפּעטער. דיין פאָטער משפּט מיך... דו וועסט ווען עס איז משפּטן — אָט אים! — האָט טיבורצי אָנגעוויזן אויף וואַליעקן.

— ניט אמת, איך וועל ניט משפּטן וואַליעקן! — האָב איך אָפּגעענטפערט אַלץ נאָך אָנגעברוגזט.

— ער וועט ניט משפּטן וואַליעקן, — האָט זיך פאַר מיר אַיינגעשטעלט מאַרוסיע, מיט אַ טאָן פון טיפער איבערצייגונג, ווי זי וואָלט געוואָלט מיך ריינוואַשן פון אַזאַ שרעקלעכן חשד.

דאָס מיידעלע האָט זיך פאַרטרוילעך צוגעטוליעט צו טיבורציס פיס, און ער האָט צאַרט געגלעט איר בלאָנד קעפּל מיט זיין אָדערדיקער האַנט.

— נו, ווייטער זאָלסטו דאָס ניט זאָגן! — האָט פאַרטראַכט געווענדט זיך צו מיר דערדאָזיקער מאָדנער מענטש מיט אַזאַ טאָן, פּונקט ווי ער וואָלט גערעדט מיט אַ דערוואַקסענעם. — יעדערער גייט זיך מיט זיין וועג; און ווער ווייס, אפשר איז גראָד גוט, וואָס דיין וועג האָט זיך דורכגעקרייצט דורך אונזערן. פאַר דיר, פריינד, איז דאָס גוט, ווייל האָבן אין ברוסט אַ שטיק מענטשיש האַרץ און ניט קיין קאַלטן שטיין... פאַרשטייסט?

פאַרשטאַנען האָב איך גאָרניט, דאָך האָב איך זיך איינגעגעסן מיט די אויגן אין דעמדאָזיקן מענטשן, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זיין דורכדרינג־לעכער בליק נעמט מיר דורך ביז דער נשמה.

חזר זיך דערוויילע איין איינס, — האָט פאָרטגעזעצט טיבורצי: — אויב דו וועסט אַרויספּלוידערן פאַרן הער ריכטער, אָדער אַפילו כאָטש פאַר דעם פויגל, וואָס וועט דיר פאַרבייפליען אין פעלד, וועגן דעם, וואָס דו האָסט דאָ געזען, — איז מיין נאָמען ניט טיבורצי דראָב, אויב איך וועל דיר ניט אויפ־הענגען פאַר די פיס אָט אין דעם אויוועלע און ניט מאַכן פון דיר אַ גערויכערט שטיק חזיר. דאָס, גלויב איך, האָסטו פאַרשטאַנען?

— איך וועל קיינעם ניט זאָגן... איך... מעג נאָכאַמאָל קומען?

— איך ערלויב, קום... ־אר ־ין תּנאי... וועסט מסתּמא ניט פאַרגעסן מכּוח דעם וויאָנזלען. איך האָב דיר געזאָגט.

ער האָט מיך אָפּגעלאָזן און אַליין זיך אויסגעצויגן אַ מידער אויף אַ לאַנגן באַנק ביי דער וואַנט.

— נעם, אָט דאָרטן, — האָט ער אָנגעוויזן וואַליעקן אויף אַ גרויסן

קאָרב, וואָס ער האָט פריער אָפּגעשטעלט ביי דער שוועל, — מאַך פייער. מיר וועלן היינט קאָכן מיטאָג.

דאָס איז שוין איצט ניט געווען יענער מענטש, וואָס האָט מיט אַ ווײַלע פריער געגלאָצט מיט די ווײַסלען מיך צו דערשרעקן, אויך ניט טיבורצי, דער גאַסנקאָמעדיאַנט, דאָס איז געווען אַ באַלעבאָס און דער ראש פון דער משפּחה, וואָס איז געקומען פון דער אַרבעט און באַפעלט איבער זיין הויזגעזינד.

איך מיט וואַליעקן האָבן זיך לעבעדיק גענומען צו דער אַרבעט. וואַליעק האָט אָנגעצונדן אַ קינעלע, און מיר זיינען אַריין אין קאָרידאָר, בשכנות מיט דער הייל. מיר האָבן צונויפגענומען אַ ביסל אַלטע האַלב צעפוילטע ברעטלעך און זיי אַריינגעוואָרפן אין אויוועלע. אין אַ האַלבע שעה אַרום האָט אין טעפּל אויפגעזאָדן עפּעס אַ געקעכטס, און דערווייל האָט שוין וואַליעק אַוועקגעשטעלט אויפן דרייפוסיקן קוים לעבעדיקן טישל אַ סקאָוואָראָדע מיט רויכערדיקע שטיקער געבראָטנס. טיבורצי האָט זיך אויפגעהויבן.

— פּאַרטיק! האָט ער געזאָגט, — און אויסגעצייכנט! זעץ דיך, קליינער, מיט אונז, — דו האָסט פאַרדינט דיין מיטאָג... הער לערער! — האָט ער אַ רוף געטאָן דעם פּראָפעסאָר: — וואַרף די נאָדל, זעץ זיך צום טיש.

— גלייך! האָט דער אַלטער שטיל געענטפערט און האָט אַריינגעשטעקט די נאָדל צו זיך אין די שמאַטעס; מיט אַ גלייכגילטיק פאַרלאָשענעם בליק האָט ער זיך אַוועקגעזעצט אויפן קלאָץ. מאַרוסיען האָט טיבורצי געהאַלטן אויף די הענט. זי און וואַליעק האָבן געגעסן מיט גרויס זשעדנעקייט. ס'איז געווען קאָנטיק, אַז פליישׁ איז ביי זיי אַ גאַנץ זעלטענער מאכל. מאַרוסיע פלעגט אפילו אַרומלעקן דאָס פעטס פון די אַיינגעשמירטע פינגערלעך. טיבורצי האָט געגעסן איינגעהאַלטן און האָט די גאַנצע צייט ניט אויפגעהערט צו שמועסן מיטן פּראָפעסאָר.

פון די מאָדנע פאַרפּלאָנטערטע רייד האָב איך זיך נאָר אָנגעשטויסן, אַז אונזער מיטאָג איז געוואָרן אַיינגעשאַפט ניט גאָר אויפן געוויינלעכן אופן. איך האָב ניט אויסגעהאַלטן און געפרעגט:

— איר האָט דאָס גענומען... אַליין?

— קליינער, האָסט ניט קיין שלעכט קעפּל, — האָט באַמערקט טיבורצי, — פונדעסטוועגן ביסטו נאָך אַ נאַר און פאַרשטייסט ווייניק. אָט זי פאַרשטייט! זאָג נאָר, מיין מאַרוסיע, האָב איך גוט געטאָן, וואָס איך האָב דיר געבראַכט געבראָטנס!

— גוט! האָט געענטפערט דאָס מיידעלע, אַ בליק טוענדיק מיט אירע בירוזענע אייגלעך: — מאַניע איז געווען הונגעריק.

אָונטצייט פון זעלביקן טאָג בין איך זיך געגאַנגען צוריק אַהיים אַ צעטומלטער, מיט אַ מאָדנעם נעפּל אין מוח. טיבורציס מאָדנע רייד האָבן אַ ברעקל ניט אָפּגעשוואַכט מיין איבערצייגונג, אַז גנבענען טויג ניט. פאַרקערט, מיין האַרצווייטאָג איז נאָך געוואַקסן. שלעפּער... גנבים... אָן אַ היים. איך האָב אפילו געפילט, ווי עס הייבט זיך פון די נשמה־טיפענישן אַ ביטערע פאַר־אַכטונג צו מיינע קליינינקע פריינד; נאָר איך האָב זיך דערמאָנט די שמחה

פון וואַליעקן מיט מאַרוסיען, ווי זי האָט אַזש געלעקט די פינגערלעך, און איך האָב זיך געפרייט מיט זיי צוזאַמען. דער רחמנות צו זיי איז ביי מיר געוואָרן שטאַרקער און שאַרפער, נאָר די צוגעבונדקייט איז ניט פאַרשוואונדן געוואָרן.

אויף אַ פינסטערער אַלעע אין אונזער סאָד האָב איך זיך אָנגעשטויסן אויפן פאָטער. ער איז, לויט זיין שטייגער, אַ פינסטערער אַרומגעגאַנגען הין און צוריק. ווען איך האָב אים דעריאָגט, האָט ער מיך אָנגענומען פאַר אַן אַקסל.

— פונוואַנען איז?

— איך... געשפּאַצירט.

דער פאָטער האָט זיך גוט אַיינגעקוקט אין מיר, אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, און ווידער גענומען שפּאַנען איבער דער אַלעע. איך האָב געציטערט ביים געדאַנק, אַז דער פאָטער וועט זיך ווען עס איז דערוויסן פון מיין באַקאַנטשאַפט מיט די קינדער פון דער אונטערערדישער הייל, נאָר מודה זיין זיך פאַר אים בין איך ניט געווען בכוח: איך האָב ניט געטאָרט בוגד זיין אין מיינע פריינד. און איך בין טאַקע ניט געווען אומשטאַנד דאָס צו טאָן. אויב איך וואָלט ניט געהאַלטן מיין וואָרט, וואָלט איך אָן קיין צווייפל ניט געקאָנט קוקן וואַליעקן מיט מאַרוסיען גלייך אין די אויגן פון שאַנד. יידיש ל. ה.

אין האַרבסט.

עס איז אָנגעקומען דער האַרבסט. אין פֿעלד איז געגאַנגען דער שניט; די בלעטער האָבן אָנגעהויבן צו געלבן. אין דערזעלביקער צייט האָט מאַרוסיע אָנגעהויבן אונטערצוקרענקען. זי האָט אויף קיין ווייטאָג זיך ניט געקלאָגט, נאָר דאָך פֿלעגט זי אַלץ דאַרער און דאַרער ווערן. דאָס פּנימל אירס איז מאָדנע בלייך געוואָרן, די אויגן — טונקל און גרעסער, די אויגן־לעפֿלען האָבן זיך קוים באַוועגט.

איצט האָב איך שוין געקענט קומען אויפֿן באַרג אומגעשטערט. איך האָב זיך מיט טיבורציין איינגעלעבט און געוואָרן אויפֿן באַרג אַן אייגענער מענטש.

— ביסט אַ וואויל ייִנגל — פֿלעגט טיבורצי מיר זאָגן.

דער האַרבסט האָט זיך דערווייל געטאָן זיינס. אַלץ אָפֿטער פֿלעגן שווערע וואָלקנס פֿאַרשטעלן דעם הימל, דער גאַנצער אַרום איז געזונקען אין גרויליך־טונקעלן נעפּל, שטראָמען רעגן האָבן זיך כּסדר געגאָסן מיט רעש, און אָפּ־געהילכט אומעטיק און איינגאַרטיק אין די אונטערערדישע היילן.

מיר פֿלעגט זיין גאַנץ שווער אַרויסרייסן זיך אין אַזעלכע וועטערס פֿון שטוב; איבעריקנס, פֿלעגט מיר אַרן נאָר דער אַרויסכאַפּן זיך אומבאַמערקבאַר ווען איך פֿלעג זיך צוריקקערן איינגאַנצן אַ נאַסער און דורכגעווייקטער, פֿלעג איך אַליין טריקענען דאָס אָנטאָן איבערן קאַמין און שטילינקערהייט זיך לייגן אין בעט און פֿילאָזאָפֿיש שווייגנדיק אויפֿנעמען אַלע פֿאָרוואורפֿן און מוסר פֿון דעם מענה־לשון פֿון די ניאַנקעס און דינסטן.

טאָג איין, טאָג אויס פֿלעג איך זיין ביי מיינע פֿריינד און יעדער מאָל באַמערקן, אַז מאַרוסיע ווערט אַלץ ערגער. איצט פֿלעגט זי שוין איינגאַנצן ניט זיין אויף דער פֿרייער לופֿט, און דער גרויער שטיין — די שטילע גרויזאַמע בריאה פֿון הייל — האָט געטאָן זיך זיין שוידערהאַפֿטע אַרבעט, און געזויגן דעם חיות פֿון דעם קליינינקן גוף. דעם גרעסטן טייל צייט האָט מאַרוסיע שוין איצט פֿאַרבראַכט אין בעט, און איך מיט וואַליעקן פֿלעגן אָנשטרענגען אַלע כּוחות צו פֿאַרנעמען זי, דערפֿרייען און ווי עס איז דערוועקן כאָטש שטילינקע טרעלן פֿון איר שוואַכינקן געלעכטער.

איצט, ווען איך האָב זיך שוין איינגאַנצן איינגעלעבט מיט דער שלעכטער געזעלשאַפֿט, איז מאַרוסיעס אומעטיקער שמייכל מיר געוואָרן כּמעט אַזוי טייער, ווי מיין שוועסטערס שמייכל; נאָר דאָ האָט מיר קיינער ניט דערמאָנט מיין פֿאַרדאָרבנקייט, דאָ האָט אויף מיר קיין ניאַנע ניט געוואָרטשעט, דאָ בין איך געווען נייטיק, איך האָב באַשיימפּערלעך געזען, אַז יעדער מאָל, ווען איך קום אָן, באַווייזן זיך לעבנס־פֿאַרבן אויף דעם מיידעלעס בעקלעך. וואַליעק האָט האָט מיך געהאַלדזט, ווי אַן אייגענעם ברודער, און אַפֿילו טיבורצי פֿלעגט

צייטנווייז קוקן אויף אונז דרייען מיט אַ מאָדנעם בליק, און אין זיינע אויגן פלעגט דערביי פינקלען אַ טרער.

אויף אַ קורצער צייט האָט זיך דער הימל אויפסניי אויסגעלייטערט. די וואָלקנס זיינען צעפלויגן און עס האָבן אַ גלאַנץ געטאָן די לעצטע זוניקע טעג פאַר ווינטער. מיר האָבן געגומען אַרויסטראָגן מאַרוסיען אויף אויבן, און דאָ פלעגט זי אַלץ באַטראַכטן מיט ברייט צעעפנטע אויגן. אירע בעקלעך האָבן זיך גערויטלט; דער ווינט פלעגט זיך דורכטראָגן אַ פרישער און לעבנספולער, און פלעגט איר דאָרט אומקערן שטיקער לעבן, וואָס דער גרויער שטיין האָט ביי איר אַוועקגעגזלט...

איבער מיין קאָפּ האָבן זיך דערווייַלע אויך אָנגעהויבן צו זאַמלען וואָלקנס.

איינמאָל, ווען איך בין, ווי מיין געוויינהייט איז געווען, אינדערפרי געגאַנגען דורך דער אַלעע פון אונזער סאָד, האָב איך דערזען מיין פאָטער, און לעבן אים — דעם אַלטן יאַנוש פון שלאָס. דער אַלטער האָט זיך אונטערטעניקסט געבויגט און עפעס גערעדט, און דער פאָטער איז געשטאַנען אַ פינסטערער, און זיין שטערן האָט זיך דייטלעך געקנייטשט פון צאָרן און אומגעדולד. צום סוף, האָט ער אויסגעשטרעקט זיין האַנט, ווי ער וואָלט וועלן באַזייטיקן יאַנושן פון וועג, און געזאָגט:

— טשעפעט זיך אָפּ! איר זייט, פשוט, אַן אַלטער רכילותניק!

נאָר דער אַלטער האָט אים פאַרשטעלט דעם וועג. זיינע רייד האָב איך ניט געהערט, דערפאַר האָבן זיך דייטלעך דערטראָגן צו מיר דעם פאָטערס אָפּגעריסענע פראַגן, וועלכע האָבן געשמיסן, ווי מיט אַ בייטש.

— קיין איין וואָרט גלויב איך ניט... וואָס האָט איר צו דידאָזיקע מענטשן?... דאָס איז שוין מיין זאַך... אַז איך וויל ניט הערן!

טיבורציס פנים האָט זיך צעקרימט אין אַ שרעקלעכער העוויה, ווען איך האָב אים וועגן דעם דערציילט:

— או־או! סאַר אַ ביטערע נייס!... אַ פאַרשאָלטענער, אַלטער פוקס אַ ביסל!

— דער פאָטער האָט אים אַרויסגעטריבן, — האָב איך געפרובט ברענגען אַ טרייסט.

— דיין פאָטער, קליינער, איז דער בעסטער פון אַלע שופטים פון שלמה המלכס צייטן אָן.

עס קען זיין, אַז אים איז שוין איצטער גוט באַוואוסט אַלץ, וואָס יאַנוש קען אים זאָגן, נאָר ער וויל ניט רודפן אַן אַלטע חיה, אָן ציינער, און איר לעצטער באַהעלטעניש... נאָר, קליינער, ווי זאָל איך דיר דאָס געבן צו פאַרשטיין?..

דיין פאָטער האָט אַ האַר, וועלכער הייסט „געזעץ“, און ער קען האָבן אַ האַרץ און אויגן, אָבער דאָס איז נאָר כּל־זמן דאָס געזעץ שלאָפט אויף זיינע פאַליצעס; זאָל נאָר דערדאָזיקער האַר אַראָפּלאָזן זיך פון דאָרטן און אַ זאָג טאָן צו דיין פאָטער: „אַ נו, ריכטער, אפשר טוען מיר זיך אַ נעם צו טיבורצי דראַב, אָדער ווי הייסט ער דאָרטן?“ — דאַן מוז שוין דער ריכטער פאַרריגלען זיין האַרץ מיט זיבן ריגלען, און דעמאָלט זיינען ביי אים אַזעלכע פעסטע

לאַפּעס, אַז גיכער וועט זיך איבערקערן די גאַנצע וועלט, איידער טיבורצי דראַב וועט זיך אַרויסדרייען פון זיינע הענט... דו קענסט דאָס פאַרשטיין, קליינער? און דערפאַר אַכטן מיר — איך און אַנדערע — נאָכמער דיין פאָטער, וואָס ער דינט טריי זיין האַר. אַזעלכע מענטשן זיינען זעלטן. וואָלט דאָס געזעץ געהאַט נאָר אַזעלכע דינער, וואָלט ער זיך רואיק געקענט דרעמלען ביי זיך אויף די פּאָליצעס און קיינמאָל ניט אויפשטיין...

ביי די ווערטער איז טיבורצי אויפגעשטאַנען, האָט גענומען מאַרוסיען אויף די הענט, אַוועק מיט איר אין ווייטסטן ווינקל און לאַנג זי געקושט און געטוליעט זיין קאָפּ צו איר קליינינקער ברוסט. איך בין געבליבן שטיין אויף אויף מיין אָרט ווי אַ פאַרגליווערטער און לאַנג געטראַכט וועגן די וואונדערבאַרע רייד פון דעמדאָזיקן מאָדנעם מענטשן.

די ליאַלקע.

די העלע טעג זיינען אַוועק, און מאַרוסיען איז ווידער ערגער געוואָרן. הילפלאָז האָט זי געקוקט מיט אירע גרויסע טונקעלע און אומבאַוועגלעכע אויגן און פלעגט פאַרבלייבן גלייכגילטיק צו אַלע אונזערע המצאות, מיט וועלכע מיר האָבן געפּרובט זי פאַראינטערעסירן. איר געלעכטער האָבן מיר שוין לאַנג ניט געהערט. איך האָב אָנגעהויבן צו שלעפּן אין הייל אַריין מיינע שפּילגעצייג, נאָר זיי האָבן אויך קנאַפּ־וואָס געהאָלפן. דאַן האָב איך באַשלאָסן צו ווענדן זיך צו מיין שוועסטער סאָניע.

סאָניע האָט געהאַט אַ גרויסע ליאַלקע מיט אַ העל געפאַרבטן פּנים, מיט לאַנגע פלאַקסענע האָר — אַ מתנה פון דער פאַרשטאָרבענער מוטער. אויף דער ליאַלקע האָב איך געלייגט גרויסע האָפנונגען. דעריבער האָב איך אַוועקגערופן סאָניען אויף אַ זייטיקער שטעגעלע פון סאָד, און געבעטן אַנטלייען מיר אויף אַ געווויסע צייט איר ליאַלקע. איך האָב אַזוי איבערצייגנדיק געבעטן, אַזוי לעבעדיק געשילדערט דאָס אָרימע קראַנקע מיידעלע, וועלכע האָט קיינמאָל ניט פאַרמאָגט קיין אייגענע שפּילגעצייג, אַז סאָניע, וואָס האָט לכתחילה אפילו ניט געוואָלט ענטפערן און נאָר פעסט געטוליעט די ליאַלקע צו זיך, האָט צום סוף נאָכגעגעבן, האָט מיר אָפּגעגעבן די ליאַלקע און צוגעזאָגט אין משך פון עטלעכע טעג זיך שפּילן מיט אַנדערע שפּילגעצייג.

די ווירקונג פון דער אויסגעפּוצטער פּאָרצעלייענער פריילין אויף אונזער קראַנקער האָט אַריבערגעשטייגט אַלע מיינע דערוואַרטונגען. מאַרוסיע, וועלכע האָט געוועלקט ווי אַ בלימל אום האַרבסט, האָט מיטאַמאָל אָפּגעלעבט. זי האָט מיך אַזוי געהאַלדזט, אַזוי הילכיק געלאַכט! און אַלץ געפירט שמועסן מיט איר נייער באַקאַנטער... עס איז כמעט ווי אַ וואונדער געשען: מאַרוסיע האָט אָנגעהויבן אַראָפּצוגיין פון בעטל, און אַלץ אַרומגעפירט זיך מיט איר בלאָנדהאָריקער טעכטערל, און אין די שפּילערייען מיט איר פלעגט זי צייטנווייז אַפילו זיך אַוועקלאָזן לויפן מיט אירע שוואַכינקע פיסעלעך.

דערפאַר האָט מיר אָבער די ליאַלקע פאַרשאַפט אַ היפּש ביסל אומרואיקע

שעהן. קודם־כל האָב איך, גייענדיק מיט דער ליאַלקע אינם בוזים צום באַרג, אָנגעטראָפן אויפן וועג דעם אַלטן יאַנוש. און ער האָט מיך לאַנג באַגלייט מיט די אויגן און אַלץ געשאָקלט מיטן קאָפּ.

נאָכדעם, האָט אין אַ פּאָר טעג אַרום די אַלטיטשקע ניאַנקע זיך געכאַפּט אינם היזק און גענומען בישטערן אין אַלע ווינקעלעך. סאָניע האָט זיך געמיט איינצוגעמען זי, נאָר מיט נאַיווע הבטחות, אַז זי דאַרף די ליאַלקע גאָרניט האָבן, אַז זי איז אַוועק שפּאַצירן און וועט באַלד קומען, האָט זי דערוועקט אַ פעסטן חשד, אַז דאָ איז עפּעס ניט גלאַט. דער פאָטער האָט פון קיין זאַך ניט געוואוסט, נאָר צו אים איז ווידער געקומען דער אַלטער יאַנוש, וועלכער האָט אָבער געקראָגן נאָך אַ מיאוסערן אָפּשניט. דער פאָטער האָט אים מיט גרויס צאָרן אַרויסגעטריבן. דאָך אין דעמזעלביקן טאָג האָט דער פאָטער מיך אָפּגע־שטעלט אויפן וועג צום פאַרטקע אין סאָד און געהייסן בלייבן אין שטוב. אויף מאָרגן האָט זיך איבערגעחזרט דיזעלביקע מעשה. נאָר אין פיר טעג אַרום האָב איך זיך אַרויסגעגנבעט פאַרטאָג, ווען דער פאָטער איז נאָך געשלאָפן, אַריבער־געכאַפּט זיך איבערן פאַרקן און אַוועק צו מיינע באַקאַנטע.

אויפן באַרג איז געווען ניט פריילעך. מאַרוסיען איז געוואָרן נאָך ערגער; איר פּנימל האָט געברענט מיט אַ מאָדנער רויטקייט; די בלאָנדע הערלעך זיינען געווען צעשפּרייט איבערן קישן; זי האָט אונז מער ניט דערקענט. לעבן איר איז געלעגן די שלימזלדיקע ליאַלקע מיט די ראָזע בעקלעך און נאַריש גלאַנציקע אייגלעך.

איך האָב דערציילט וואַליעקן מיין עגמת־נפש. ביי אונז איז געבליבן אָפּצוטראָגן די ליאַלקע אַהיים. מיר זיינען געווען זיכער, אַז מאַרוסיע וועט דאָס אַפילו ניט באַמערקן. נאָר דאָס איז געווען אַ טעות: ווי נאָר איך האָב אַרויסגענומען די ליאַלקע פון די הענטלעך ביי דער פאַרחלשטער מיידעלע, האָט זי געעפנט די אויגן, זיך אַרומגעקוקט מיט אַ פאַרנעפּלטן בליק, גלייך זי זעט מיך ניט, גלייך זי פאַרשטייט ניט, וואָס דאָ קומט פאָר, און פּלוצלים האָט זי זיך צעוויינט, שטיל אַזוי און רחמנותדיק, און דער אויסגעדאַרטער צעהיצטער פּנימל האָט אויסגעדריקט אַזאַ טיפן צער, אַז איך האָב אַ דער־שראָקענער גלייך צוריקגעלייגט די ליאַלקע אויף איר אָרט. דאָס מיידעלע האָט אַ שמייכל געטאָן, צוגעטוליעט די ליאַלקע און זיך באַרואיקט. מיר איז געוואָרן קלאָר, אַז איך האָב געוואָלט אָפּנעמען ביי מיין קליינינקן פריינד די ע״שטע און לעצטע פרייד פון איר קורצן לעבן.

וואַלעק האָט געוואָרפן אויף מיר אַ בליק פול מיט דערוואַרטונג.

— וואָס־זשע וועט איצט זיין? — האָט ער געפרעגט אומעטיק.

טיבורצי, וועלכער איז געזעסן אויף אַ בענקעלע מיט אַן אומעטיק אַראָפּ־געלאָזטן קאָפּ, האָט אויך געקוקט אויף מיר מיט אַ פראַגע אינם בליק. איך האָב דעריבער געפּרובט מאַכן אַן אָנשטעל פון שטענדיקער זאָרגלאָזיקייט:

— אַ, עס מאַכט ניט אויס. די ניאַנקע האָט שוין אַוודאי לאַנג פאַרגעסן אָן דעם.

די אַלטע האָט אָבער ניט פֿאַרגעסן. ביים טויער פֿון שטוב האָב איך ווידער געטראָפֿן יאַנושן; סאָניען האָב איך געפֿונען אַ פֿאַרוויינטע, און די אַלטע האָט אויף מיר געוואָרפֿן אַ ביזן פֿאַרטיליקנדיקן בליק, עפּעס וואָרטשענדיק מיטן אַלטן אָנציינערדיקן מויל.

דער פֿאָטער האָט מיך געפֿרעגט, פֿונוואַנען קום איך; ער האָט אויפֿמערקזאַם אויסגעהערט מיין געוויינלעכן ענטפֿער, און האָט זיך באַנוגנט מיטן איבערחזרן זיין באַפֿעל — איך זאָל בשום אופֿן ניט אַרויס פֿון שטוב אָן זיין דערלויבעניש. דער אָנזאָג איז געווען אַ פֿעסטער און אַנטשלאָסענער; עובר זיין אויפֿן באַפֿעל האָב איך ביי זיך שוין ניט געפֿועלט, און איך האָב קיין מוט ניט געהאַט וועגדן זיך צום פֿאָטער וועגן אַ דערלויבעניש.

עס זיינען אַריבער פֿיר שווערע טעג. איך האָב זיך שוין אַ אומעטיקער אַרומגעבלאָנקעט איבערן גאָרטן, געקוקט אַ פֿאַרבענקטער אין דער זייט פֿון באַרג, דערביי איז מיר ניט אַרויס פֿון זינען דאָס געוויטער, וואָס קלייבט זיך אויף מיין קאָפּ. וואָס וועט זיין — האָב איך ניט געוואוסט, אויפֿן האַרצן איז אָבער געווען שווער. דאָס גאַנצע לעבן האָט מיך קיינער ניט באַשטראָפֿט. דער פֿאָטער האָט מיך קיינמאָל ניט וואָס מיט אַ פֿינגער ניט אָנגערירט, נאָר אַפֿילו קיין שטרענגן וואָרט ניט געזאָגט.

איצט האָט מיך געפּלאָגט אַ שווער פֿאָרגעפֿיל.

לסוף, האָט מען מיך אַרויסגערופֿן צום פֿאָטער אין קאַבינעט. איך בין אַריין און ציטערנדיק געבליבן שטיין ביים שוועל. אין פֿענסטער האָט געשיינט די אומעטיקע האַרבסטיקע זון. דער פֿאָטער איז געזעסן אין זיין פֿאָטעל אַנטקעגן דער מוטערס פּאָרטרעט און ניט אומגעקוקט זיך אויף מיר. איך האָב געהערט דאָס אומרואיקן קלאַפּן פֿון מיין אייגענעם האַרץ.

נאָר אָט האָט ער זיך אָפּגעקערט. איך האָב אויפֿגעהויבן די אויגן און אין דעמזעלבן אויגנבליק אַראָפּגעלאָזן זיי. דעם פֿאָטערס געזיכט איז געווען שרעקלעך. עס איז דורך ביי אַ האַלבע מינוט, און איך האָב אַלץ געפֿילט אויף זיך זיין שווערן אומבאַוועגלעכן און דריקנדיקן בליק.

— דו האָסט גענומען ביי דער שוועסטער די ליאַלקע?

די ווערטער זיינען אַראָפּגעפֿאַלן אויף מיר אַזוי שאַרף און שניידנדיק, אַז איך האָב זיך אַ צאַפּל געטאָן.

— יאָ, — האָב איך שטיל געענטפֿערט.

— און דו ווייסט, אַז דאָס איז דער מוטערס אַ מתנה, און אַז דו האָסט געדאַרפֿט דאָס האַלטן הייליק און טייער?... דו האָסט עס אַוועקגעגנבעט?...

— ניין, — האָב איך געענטפֿערט און אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ.

— וואָס הייסט, ניין? — האָט אויסגעשריען דער פֿאָטער און אָפּגעשטויסן זיין פֿאָטעל, — דו האָסט זי צוגעגנבעט און אַוועקגעשלעפּט... וואוהין האָסטו זי געשלעפּט?... רייד!

ער איז שנעל צוגעגאַנגען צו מיר און אַוועקגעלייגט אויף מיין אַקסל אַ שווערע האַנט. איך האָב זיך אָנגעשטרענגט, אויפֿגעהויבן דעם קאָפּ און

אַ קוק געגעבן אַרויף. דעם פּאָטערס פּנים איז געווען אינגאַנצן בלייך. איך האָב זיך אײַנגעשרומפּט.

דער פּאָטער האָט שווער געאָטעמט. איך האָב זיך נאָך מער אײַנגעשרומפּט, גליענדיקע טרערן האָבן געברענט מײַנע באַקן. איך האָב געוואַרט...

— ע—הע—הע! האָט זיך פּלוצים דערהערט פון אונטערן פענסטער טי־בורציס שנײַדנדיקער קול. — איך זע — האָט ער געזאָגט אין עטלעכע רגעס אַרום שוין אין צימער, — איך זע מײַן יונגן פרײַנד אין אַ גאַנץ שווערער לאַגע.

דער פּאָטער האָט אים אויפגענומען מיט אַ בייזן דראָענדיקן בליק, נאָר טיבורצי האָט עס רואיק אויסגעהאַלטן. ער איז געווען ערנסט און זײַנע אויגן זײַנען געווען עפּעס אויסערגעוויינלעך אומעטיק.

— הער ריכטער! — האָט ער אָנגעהויבן ווייך: — איר זייט אַ מענטש מיט יושר... לאָזט אָפּ דאָס קינד. ער איז אַפילו געווען אין אַ „שלעכטער געזעלשאַפט", אָבער גאָט איז אַן עדות, ער האָט קיין שום שלעכטס ניט געטאָן. און אויב ער איז איבערגעגעבן מײַנע אָפּגעריסענע עופעלעך, — איז אויף מײַנע נאמנות — הייסט בעסער מיך אויפהענגען; נאָר איך וועל ניט דערלאָזן, ער זאָל צוליב דעם לײַדן. אָט איז דײַן ליאַלקע, קליינער!...

ער האָט פונאַנדערגעבונדן אַ פּעקעלע און אַרויסגענומען פון דאָרט די ליאַלקע.

דעם פּאָטערס האַנט האָט אָפּגעלאָזן מײַן אַקסל. ער האָט אויסגעזען שטאַרק פאַרוואונדערט.

— וואָס באַטײַט דאָס? האָט ער צום סוף געפרעגט.

— לאָזט אָפּ דאָס יינגל, האָט טיבורצי נאָך אַמאָל געזאָגט, און זײַן ברייטע האַנט האָט מיט ליבע אַ גלעט געטאָן מײַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ. — איר וועט זיך מיט דראָאונגען פון אים גאָרנישט דערשלאָגן, אינדערצייט ווען איך קען אײַך גערן דערציילן אַלץ, וואָס איר פאַרלאַנגט צו וויסן... קומט אַרויס, הער ריכטער, אין צווייטן צימער.

איך בין נאָך אַלץ געשטאַנען אויפן זעלביקן אָרט, ווען די טיר פון קאַ־בינעט האָט זיך אויפגעעפנט, און ביידע, דער פּאָטער און טיבורצי, זײַנען צוריקגעקומען. איך האָב ווידער דערפילט עמיצנס האַנט אויף מײַן קאָפּ און אַ ציטער געטאָן. דאָס האָט דעם פּאָטערס האַנט צערטלעך געגלעט מײַנע האָר.

טיבורצי האָט מיך אָנגענומען פאַר די הענט און אין דעם פּאָטערס אָנ־וועזנהייט אַרויפגעזעצט אויף די קני.

— קום צו גיין צו אונז, האָט ער געזאָגט: — דער פּאָטער וועט דערלויבן דיר גיין זיך זעגענען מיט מײַן מיידעלע. זי... זי איז געשטאָרבן.

טיבורציס קול האָט געציטערט; ער האָט מאָדנע געפינטלט מיט די אויגן, נאָר ער איז גלייך אויפגעשטאַנען, האָט מיך אַראָפּגעלאָזן, זיך אויסגעגלייכט און איז אַרויס פון צימער.

איך האָב אויפגעהויבן אַ פרעגנדיקן בליק אויף מײַן פּאָטער.

איצט איז געשטאַנען פאַר מיר גאָר אַן אַנדער מענטש, נאָר גראָד אין

אים האָב איך געפילט יענע נאָענטקייט, וואָס איך האָב פריער אויף קיין אופן ניט געקענט געפינען. ער האָט געקוקט אויף מיר מיט זיין נעווײנלעכן האַלב פאַרנעפּלטן בליק, נאָר איצט איז אין זיין בליק געווען עפּעס אַ פראַגע און דערשטוינונג.

איך האָב פאַרטרוילעך אָנגענומען זיין האַנט און געזאָגט:

— איך האָב דאָך ניט געגנבעט... סאָניע האָט מיר אַנטליען, אויף דערוויילע.

— יאָ—אָ — האָט ער פאַרטראַכט געענטפערט, — איך ווייס, איך האָב, קינד, געזינדיקט קעגן דיר, נאָר דו וועסט זיך דאָך פלייסן מיט דער צייט מיר אינגאַנצן צו פאַרגעסן, אמת?

איך האָב מיט אימפּעט געכאַפּט זיין האַנט און גענומען זי קושן. איך האָב געוואוסט, אַז ער וועט שוין ניט קוקן אויף מיר מיט אַזעלכע שרעקלעכע אויגן, ווי עטלעכע מינוט צוריק. די לאַנגע אײנגעהאַלטענע ליבע האָט אַ קליניע געטאָן ווי אַ מעכטיקער שטראָם. דאָס געפיל פון מורא האָט זיך אינגאַנצן אויסגעהויכט.

— איך מעג איצט גיין אויפן באַרג?—האָב איך אַ פרעג געטאָן, ווען כ׳האָב זיך פלוצים דערמאָנט אָן טיבורציס אײנלאַדונג.

— יאָ—אָ... גיי, גיי, מיין קינד,—האָט ער צאַרט אַרויסגערעדט, אַלץ נאָך מיט סימנים פון פאַרלעגנהייט אין שטימע. — איבעריקנס, קינד מיינס, כ׳בעט דיך, וואַרט צו, איין ווײלע.

ער איז אַריין צו זיך אין שלאָפצימער, און אין אַ מינוט אַרום איז ער אַרויס פון דאָרטן און האָט מיר אַרײנגעשטופּט אין האַנט עטלעכע אַסיגנאַציעס.

— גיב דאָס איבער... טיבורצין... זאָג, איך האָב זייער געבעטן... פאַר־שטייסט? איך בעט זייער, ער זאָל נעמען דאָס געלט... פון דיר... פאַרשטאַנען?.. איצט, קינד, גיי, איַיל זיך צו.

איך האָב טיבורצין דעריאָגט אויפן באַרג. אַ פאַרסאָפּעטער, האָב איך זייער ניט געשיקט אויסגעפירט דעם פאָטערס שליחות.

— געפעליקסט... בעט דער פאָטער... און איך האָב גענומען שטופּן אים אין האַנט דעם פאָטערס פאַפירלעך. איך האָב דערביי ניט געקוקט אים אין פּנים אַריין. דאָס געלט האָט ער צוגענומען.

אין הייל, אין אַ פינסטערן ווינקל אויף אַ באַנק, איז געלעגן מאַרוסיע. דאָס עצם וואָרט „טויט“ אַנטפּלעקט נאָך ניט פאַרן קינד זיין פולע גרויזאַמע באַדייטונג, און נאָר איצט, ביים טויטן קערפּערל, האָבן ביטערע טרערן פאַר־שטיקט מיין האַלדז. מיין קליינינקע פריינדין איז געלעגן אַן ערנסטע און אומעטיקע מיט אַ טרויעריק אויסגעצויגענעם פּנימל. די פאַרמאַכטע אויגן זיינען אַ ביסל אײנגעפאַלן, און נאָך אַ בלוי רייפעלע האָט זיך דייטלעכער געטונקלט אַרום זיי. דאָס מײלכלעלע איז געווען אַ ביסל פונאַנדערגעעפנט, מיט אַן אויסדרוק פון קינדערשן טרויער, און מיט דערדאָזיקער טרויעריקער גרימאַסע אויפן געזיכט האָט זי ווי געענטפערט אויף מיינע האַרציקע טרערן.

עמיץ האָט אין אַ ווינקל געקלאַפּט מיט אַ האַק, און געגרייט אַ טרונע

פון אַלטע ברעטער, אַראָפּגעריסענע פון דאַך פון דער קאַפּליצע. עמיצער האָט מאַרוסיען באַצירט מיט האַרבסטיקע בלומען...

ש ל ו ם.

אינגיכן, נאָך די באַשריבענע געשעענישן, האָבן די מיטגלידער פון דער „שלעכטער געזעלשאַפט" צעשפּרייט זיך אין פאַרשיידענע זייטן: טיבורצי און וואַליעק זיינען פלוצלונג אינגאַנצן פאַרשוואונדן פון שטעטל און וואוהין האָט קיינער ניט געוואוסט. זייער פאַרשווינדן איז, פּונקט ווי זייער דערשיינען — געווען אַ רעטעניש.

אין דער אַלטער קאַפּליצע איז מיט דער צייט געוואָרן אַ חורבן. אַפריער איז איינגעפאַלן דער דאַך און דורכגעבראָכן דעם באַלקן פון הייל. שפּעטער האָט זיך דער באָדן אַרום דער קאַפּליצע גענומען ברעקלען, און די קאַפּליצע איז געוואָרן נאָך מער עלנד און פינסטער; שניידנדיקער יאָמערן דאָרטן די סאָוועס און אין די טונקעלע האַרבסטיקע נעכט פינקלען אויף פייערלעך אויף די פאַרוואָרלאָזטע קברים און צאַנקען אין בלוילעכן שיין, ווי זיי וואָלטן שלעכטע בשורות פאַרשפּרייט.

נאָר איין קבר, אַן אַרומגעצאַמטער מיט אַ פּאַרקאַנדל, האָט יעדן פרילינג געגרינט מיט פרישן דערן און שעמערירט מיט אַלערליי בלומען.

איך מיט סאָניען פלעגן באַזוכן דעם קבר. אַמאָל פלעגט אַפילו מיט אונז מיטגיין דער פאָטער אויך. מיר האָבן ליב געהאַט צו זיצן דאָרטן אין שאָטן פון אַ שטיל שעפּטשענדיקער בעריאָזע אַנטקעגן שטאָט, וואָס פלעגט באַשיידן גלאַנצן דורכן נעפּל. דאָ פלעג איך מיט דער שוועסטער צוזאַמען לייענען, טראַכטן און זיך טיילן מיט די ערשטע יונגע געדאַנקען, מיט די ערשטע פלענער פון דער אָרנטלעכער און באַפליגלטער יוגנט.

און ווען עס איז אויך פאַר אונז געקומען די צייט צו פאַרלאָזן אונזער אייגענע שטאָט, האָבן מיר דאָ צום לעצטן מאָל איבערן קליינינקן קברל אונזערע נדרים געגעבן...

ייִדיש ל. ח

פייערלער*).

איינמאָל, שוין גאַנץ לאַנג, אין אַ פינסטערן האַרבסט־אָוונט איז מיר אויס־געקומען זיך צו שיפן אויף אַן אומעטיקן סיבירער טייך. פּלוצלונג זעט פונווייטנס ביים אויסבויג פון טייך אונטער די טונקעלע בערג אַ פינקל גלאַנצט אַ פייערל.

אַ פינקל געטאָן, העל, שטאַרק, נאָר נאָענט...

— נו, דאַנקען גאָט! — האָב איך מיט פרייד געזאָגט — דער נאַכטלעגער שוין נאָענט.

דער רודערער האָט זיך אויסגעדרייט, אַ קוק געטאָן איבערן אַקסל אויפן פייער און ווידער אַפּאַטיש גענומען זיך צו די וועסלעס.

— ווייטלעך!

איך האָב נישט געגלויבט: דאָס פייערל איז דאָך פאַר די אויגן געשטאַנען, פון דער אומבאַשטימטער פינסטערניש אַרויסגעשימערט. נאָר גערעכט איז געווען דער רודערער: ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן באמת ווייט.

אַזאַ טבע האָבן די נאַכט־פייערלעך — זיך דערנענטערן, דורכרייסנדיק די פינסטערניש, בליצן און צוזאָגן און פאַרנאַרן מיט זייער נאָענטקייט. ס'דאַכט זיך, אָט־אָט, נאָר צוויי דריי מאָל אַיינטונקען די וועסלע — און דער וועג איז איז אויס... און לסוף — ווייט...

און לאַנג נאָך האָבן מיר זיך געשיפט איבערן פינסטערן טינט־שוואַרצן טייך. פעלזן און באַרג־שפּאַלטן זיינען אַרויסגעשוואומען, אָנגערוקט זיך און אָפּגעשוואומען, געבליבן הינטער אונז, און דאַכט זיך, פאַרלאָרן געוואָרן ערגעץ אין דער אומענדלעכער ווייטקייט. דאָס פייערל אָבער איז נאָך אַלץ געשטאַנען פאַר די אויגן, פינקלענדיק, און פאַרנאַרנדיק נאָך אַלץ אַזוי נאָענט, און נאָך אַלץ ווייט...

מיר דערמאָנט זיך איצט אָפט אין יענעם פינסטערן טייך, אין שאָטנס פון פעלזן־בערג געהילט, איז דאָס לעבעדיקע פייערל. פיל פייערן האָבן אי פריער, אי נאָכדעם נישט נאָר מיך אַליין געלאָקט מיט זייער נאָענטקייט. דאָס לעבן פליסט נאָך אָבער אַלץ אין דיזעלבע אומעטיקע ברעגן, און די פייערלעך — זיי זיינען נאָך ווייט און ווידער קומט אויס זיך אַ נעם צו טאָן פאַר די וועסלעס.

און דאָך... דאָך פינקלען פונווייטן — פייערלעך!...

אַכטונג, ח' לערער!

אין פֿאַרלאַג „נייע יידישע פֿאָלקסשול" ווילנע איז ערשינען אַ נייע כרעסטאָמאַטיע פֿאַר די העכערע קלאַסן
„דאָס נייע וואָרט" אין 4 בענדער

צונויפגעשטעלט פון ש. באַסטאָמסקי און מ. חיימסאָן.

ערשטער באַנד— **עפּאָס.**

צווייטער באַנד— **ליריק.**

דריטער באַנד — **דראַמע.** (גרייט זיך)

פערטער באַנד — **פּראָזע.** "